№ 1 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • | עלפטער יאָהרגאַנג. | פרייז 20 גראָשען. | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

Piątek, dnia 1 stycznia 1932. | ליכט-צינדען 3.14 | פרייטאָג, פ' שמות כ"ב טבת תרצ"ב.

Bibljoteka Jagiellońska
Krak
Św. Ann

2159

א גרויסער קאָנצערט
פון פענאָמענאַ־לען טענאָר

ה. בארנשטיין

אָבער-קאַנטאָר פון דער גרויסער וואַרשאָווער נאַזשיק שוהל

אויסערגעוועהנליך רייכער פּראָגראַם פון חזנישע רעציטאַטיוון, יודישע פאָלקס-לידער און אָפּערן-אַריעס.
ביים קלאַוויר: העריק קומאַק.

קאַמעראַל - טעאַטער
מאָנטאָג דעם 4 יאַנואַר
נאָר 1 מאָל!

בילעטען-פאָרפערקויף אין דער דרוקעריי פון ה' באַטשאַן, אַלעע 6
אָנפאַנג פּונקטליך 9 אָוונד

מזל-טוב! דעם ה' ישראל פלאַצקער און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער ליבער טאָכטער **נחמה** מיט ה' **לעאָן הערציגער**
ווינשט זלמן ראָמאַן.

מיינע הארציגסטע וואונשען דעם חשוב'ען רעדאַקטאָר ה' **ישראל פלאַצקער** און פאַמיליע צו דער תנאים פון זייער טאָכטער און שוועסטער **נחמה** מיט ה' **י. ל. הערציגער**
דעם יונגען פּאָר — א גליקליך צוזאַמענלעבען.
ל. קאַפּינסקי.

א האַרציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד און קאַסירער ה' **יצחק שטייניץ** און **פרוי** צו דער האָכצייט פון זייער טאָכטער **עלאַ** מיט ה' **מאַרעק סאַנדאָמיערסקי,**
דעם יונגען פּאָר ווינשען מיר א גליקליך צוזאַמענלעבען
די פערוואַלטונג
פון סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין
אין טשענסטאָכאָוו.

פיעל נחת ווינשען מיר אונזערע פריינד **יצחק שטייניץ** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער ליבער טאָכטער **עלאַ** מיט ה' **מאַרעק סאַנדאָמיערסקי,**
דעם יונגען פּאָר ווינשען מיר א גליקליך צוזאַמענלעבען
ב. באַטשאַן און פרוי.

Zarząd Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich w Częstochowie
zaprasza na

zwyczajne ogólne zebranie członków T-wa,

które odbędzie się w LOKALU GIMNAZJUM przy ulicy Dąbrowskiego Nr. 7 w NIEDZIELĘ dn a 0 STYCZNIA 1932 r. o godz 3-ej, a w razie braku kompletu o g. 4-ej p. p. bez względu na ilość przybyłych, z następującym porządkiem obrad:

1) Zagajenie; 2) Wybór przewodniczącego; 3) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zebrania; 4) Sprawozdanie za rok szkolny 1930/31 i udzielenie absolutorjum Zarządowi; 5) Budżet na rok szkolny 1931/32; 6) Wybór 15 członków Zarządu i 4-ch członków Komisji Rewizyjnej 7) Wolne wnioski.

ZARZĄD.

לארושי בת-דודתי **יאדזיה ברוניאטובסקה** עם בחיר-לבה **ל. יאז'ומבק** — אחולי הלבביים.
א. ח. שיפר.

Z intencji zaręczyn p. HANI KRAKAUERÓWNY
z p. BERNDRDEM GRINBAUMEM
życzymy wiele szczęścia i różowej przyszłości.
Rodzina Wilinger, Mania Wilingerówna, Dora Fraitażanka

צו דער תנאים פון אונזער פריינד **פלטיאל זאָמבעק** מיט פרל. **העלענא בארנשטיין** פון בענדין, א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
משה ווייספעלנער, ארי' בעסער
מענדיל לייב ראָטבאַרד.
קושעפּיץ.

ראַנקזאַגונג.

די פערוואַלטונג פון יודישען פריזיר-מייסטער-צעך אין טשענסטאָכאָוו און קרייז, דריקט אויס איהר הערצליכסטען דאַנק די פרויען: **גאָלדבערג, שענוואַלד, לעווקאָוויטש, כאַס־קלאָוויטש** און **ווינער**, פאַר זייער אונערמידליכער און האָנאָרעלער ארבייט אוועקצושטעלען אונזער באַנקעט אויף די געהעריגע הויך, דעם סטאַרשי פון צעך חבר **גאָלדבערג** פאַר'ן שאפען דעם געדאַנק צו מאַכען א פּאָהן, די ה"ה: **שענוואַלד** און **מיטלער** פאַר זייער צוהעלפען בע־שיינען אונזער פאָהן-פייערונג, דעם חבר **לייזעראָוויטש** פאַר זיין אינהאַלטסרייכען און זאַנפטי־גען רעפעראַט אין דער פוילישער שפראַך און בעלויכטען די בעדייטונג פון אונזער פאָהן-פייערונג, ווי אויך די חברים **מסטאָווקי, קעניגסבערג, לעווקאָוויטש, פשעראָווסקי, כאַסקלאָוויטש, יעדלינסקי, ווינער, שטשעקאַטש,** פרל. **פייערטאַג** און אַלע חשובע געסט, וועלכע האָבען בעוויליגט בייצוואוינען אונזערען פאָהן-יום-טוב, דריקט אויס א הערצ־ליכען דאַנק
די פערוואַלטונג.

עפענטליכע ערקלערונג!

אזוי ווי אין דער שטאָדט איז געוואָרען פערשפרייט א שענדליכע רכילות אויף מיין אדרעס און מיינע קאָנקורענטען האָבען דאָס אויפגעכאַפּט און טהון בייזוויליג די דאָזיגע רכילות נאָך מעהר פערשפרייטען, כדי צו שאַדען מיין גוטען נאָמען.

דעריבער בין איך מודיע, אז די דאָזיגע פערזאָן איז צוגעצויגען געוואָרען צו פעראַנטוואָרטליכקייט און איבערגעגעבען דער פּראָקוראַטור און איך בין דערמיט מתרה, אז וועלכע פערזאָנען ס'וועלען די דאָזיגע רכילות ווייטער פערשפרייטען וועלען אויך צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכער פער־אַנטוואָרטליכקייט.

מיט דרך-ארץ **משה ברוקנער.**

2 קעלער שטיבען
אויף א ווערקשטעל אדער אויף סקלאַדעס
מיט עלעקטרישע בעלייכטונג
שוין צו פערדינגען
אויף גאַריבאַלדי 26 (פריהער ספּאַדעק 3).
ערקונדיגען ביי: מ. ל. שומאַכער, נייער מאַרק 5.

Szkoła tańców

baletm. **K. KOSTECKIEGO**
w lokalu własnym **Waszyngtona 6**
(d. Jasna).
Uczy Rumbę, Tango i t. p. elegancko-wytwornie, w kompletach i pojedyńczo.
Zapisy na kursy I - II - III - Mazura codziennie od 10 rano do 9 wiecz.
אכטונג! פראַקטישע לעקציעס קומען פאַר יעדען שבת 8 אָוענד סייעציעל פאַר דער יודישער געזעלשאַפט.
ביליגערער אָבצאָהל. — לעצטע מוזיק-שלאַגערס.

אויפמערקזאַם!
ערשטקלאַסיגע **אַנדולאַציע** און **מאַניקיור**
אין פריזיר-אנשטאַלט
שמעון ניישטעטער, ספּאַדעק 9.

א גוט - רוטינירטע בוכפיהרערין
קאָרעספּאָנדענטין
שרייבט אויף מאַשין זוכט בעשעפטיגונג
פאַר שעה'דיגע ארבייט. ערקינדיגען אין רעד. פאַר ג. מ.

קראַנקע אויף לונגען
פרעגט אייער דאָקטאָר, און דער וועט אייך בעשטעטיגען, אז פון סוכאָטעס שטאַרבען מענשען מעהר ווי פון אַנדערע קראַנקהייטען. דעריבער יעדער וואָס ליידט **אויף הוסט, בראָנכיט, כריפּקע, לונגען = בעפלעגמונג** און **קאַקלוש** דאַרף באַלד זיך נעמען צו היילען. א גוט מיטעל אויף לונגען - קראַנקהייטען איז דער פּרעפּאַראַט
FAGOSOL
ביים בענוצען **FAGOSOL** פערשטאַרקט זיך דער אַפּעטיט
FAGOSOL
בעקומט מען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק - סקלאַדעס.
Skł. gł. Apteka H. ROSENSTADTA,
Warszawa, Pl. Grzybowski 10.

יודישער שניידער-צעך אין טשענסטאָכאָוו און קרייז.
מיטוואָך, דעם 6-טען יאַנואַר 1932 י. פּונקטליך 6 אָוונד
קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12
די יעהרליכע
אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון צעך
מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג:
1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פּרעזידיום, 3) טעטיגקייטס-בעריכט, 4) קאַסע-בעריכט, 5) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1932, 6) וואַהלען פון א סטאַרשע און פאָרטרעטער, 7) וואַהלען פון א פערוואַלטונג, 8) פרייע פאָרשלאָגען.

בעמערקונג: אויב אין אָנגעוויזענעם טערמין וועט נישט זיין די גע־נוגענדע צאָהל מיטגלידער וועט די פערזאַמלונג פאָרקומען דעם זעלבען טאָג 7 א זייגער אָוונד ביי יעדע צאָהל אַנוועזענדע.
די פערוואַלטונג.

צו די געעהרטע קליענטען!
איך מאַך בעקאַנט, אז מיין
שניידער = ווערקשטאַט
פאַר דאַמען = בעקליידונג
איז ווייטער טעטיג.
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט לויט די נייעסטע פאַסאָנען רעעל סאָליד און פּינקטליך
מיט אכטונג **ע. ליפשיץ, אַלעע 8**
אין הויף פאָרטער.
עס ווערט געזוכט פעהיגע געזעלען צו דער ארבייט.

Do Kompletu Freblowskiego przedpołudniowego
(ul. DĄBROWSKIEGO 11.)
Przyjmę kilkoro dzieci inteligentnych.
Zajęcia i praca prowadzona najnowszym systemem.
Gry, zabawy i gimnastyka dziecięca.
Zgłoszenia i informacje udziela się codz. od 10—1,
ul. P. Marji 1, u P. Prejzerowicz.

מאַניאַ יאַקובאָוויטש — יוסף פרידמאַן
טשענסטאָכאָוו — לאָדז
פערלאָבט
דעם 27-טען גרודזיען 1931 י.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבער טאָכטער
מאַניאַ יאַקובאָוויטש מיט ה' **יוסף פרידמאַן,**
ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט
עלטערן.

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטער און שוועגערין **מאַניאַ יאַקובאָוויטש** מיט ה' **יוסף פרידמאַן,** א הארציגען מזל-טוב ווינשען
איטע און לייב אורמאַן,
זאַוויערטשע.

מיר שיקען דיר אונזערע הערצליכסטע גליק-וואונשען ליבע שוועסטער **מאַניאַ** צו דיין פערלאָבונג מיט ה' **יוסף פרידמאַן,** מיר ווינשען אייך א בליהענדע צוקונפט
גרעטאַ און אַדאָלף יאַקובאָוויטש
פלאַוען, (דייטשלאַנד).

נעם צו ליבע שוועסטער **מאַניאַ** אונזערע איניגסטע גליק-וואונשען צו דיין פערלאָבונג מיט ה' **יוסף פרידמאַן**
רעגינאַ און מאַקס אָפּאַטאָווסקי.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. **מאַניאַ יאַקובאָוויטש** מיט ה' **יוסף פרידמאַן,**
ווינשען פיעל גליק
עסטערא ווייס און בעלאַ אָפּאַטאָווסקאַ.

א הערצליכן מזל-טוב ווינשען מיר דער פרייליין **מאַניאַ יאַקובאָוויטש** צו דער פערלאָבונג מיט ה' **יוסף פרידמאַן** פון לאָדז, ווי אויך די עלטערן פיעל נחת
ב. באַטשאַן און פרוי.

מזל-טוב צו דער תנאים פון פרל. **מאַניאַ יאַקובאָוויטש** מיט ה' **יוסף פרידמאַן** פון לאָדז, ווי אויך די עלטערן פיעל נחת
ווינשט
שמעון באַטשאַן און פרוי.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשט דער **פאַמיליע שפּיעוואַק** צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן ה' **יוסף שפּיעוואַק** מיט פרל. **פראַניאַ פישאָף.**
דעם יונגען פּאָר אייביגעס צופרידענהייט.
א. זיגעלבוים.

Z intencji zaręczyn syna i brata naszego JÓZKA ŚPIEWAKA z panną FRANIĄ FISZOFÓWNĄ, życzymy im wiecznego szczęścia.
RODZICE i BRACIA.

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטערן-טאָכטער
פרל. **פראַניאַ פישאָף** מיט ה' **יוסף שפּיעוואַק**
אונזער הארציגסטען מזל - טוב און א גליקליכע צוקונפט, ווינשען
יצחק מאיר פעיסאַק און פרוי

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטערן-טאָכטער **פרימעט פישאָף** מיט ה' **יוסף שפּיעוואַק,** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
פאַמיליע שטאַהל.

א הערצליכען מזל - טוב ווינשען מיר צו דער פערלאָבונג פון אונזער קוזינקע **פרימעט'ל פישאָף** מיט ה' **יוסף שפּיעוואַק,** זאָל זייער לעבענס-וועג זיין בעשטראַהלט מיט די הערליכע זונען שיין
אברהם טאָפּאָר און פרוי.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער טרייער שותפ'טע פרל. **פרימעט'ל פישאָף** מיט ה' **יוסף שפּיעוואַק,** ווינשען מיר אונזערע הארציגסטע ברכות. די עלטערן אונזערע ליבע שכנים ווינשען מיר צו דערלעבען פון זיי פיעל נחת.
חיה'לע סטיצקי און מוטער.

צו דער פערלאָבונג
פון פרייליין **פרימעט'ל פישאָף** מיט ה' **יוסף שפּיעוואַק,**
ווינשט א הערצליכען מזל-טוב
אבא ווינער און פרוי.

די קאטאסטראפאלע לאגע פון די יודישע פילאנטראפישע אנשטאלטען.

I

אונזערע יודישע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס האבען זיך, ווי בעוואוסט, שטענדיג געפונען אין א געוויסען געלד-מאנגעל און קיינמאל האבען זיי נישט געקענט געניגענד טהון אלע פעטענטען, וואס האבען זיך צו זיי געווענדעט נאך הילף און שטיצע.

און דאס איז געווען דערפאר ווייל די יודישע לאגע איז אזעלכע, אז די ווירטשאפטליכע לאגע פון יודען אין אזעלכע שלעכטע בעדינגונגען, וואס צוליעב זיי איז די נויט אין עלענד אויף דער יודישער גאס פראפארציאנעל בעדייטענד גרעסער, ווי ביי דער אנדערער טייל בירגער פון דער שטאט און דער עיקר איז דאס וואס די יודישע פילאנטראפישע אנשטאלטען האבען קיינמאל נישט בעקומען פון דער רעגירונגס-אדער קאמונאלע קאסעס די סובסידיעס אדער אונטערשטיצונגען וואס זענען זיי געקומען לויט יושר און גערעכטיגקייט, שוין צוליעב דעם, וואס די דאזיגע קאסעס שעפען זייער הכנסה פון יודען אין א פיעל גרעסערע מאס ווי פון אנדערע בירגער.

און דער צייט, ווען די אלגעמיינע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס זענען אינגאנצען אדער טיילווייז אויסגעהאלטען געווארען דורך די קאמונאלע אדער מלוכה - ארגאנען, האט די יודישע בעפעלקערונג געמוזט אליין אויסהאלטען איהרע אנשטאלטען, געמוזט שלעפען אויף איהרע אייגענע פלייצעס דעם גאנצען לאסט, וואס איז פאר איהר געווען אומבאדינגט צו שווער, און דעריבער האט זייער טעטיגקייט שטענדיג געקענט אויסגערעכנט און זיי האבען נישט געקענט אויספירען זייערע אויפגאבען ווי געהעריג.

נאך שווערער און קריטישער איז געווארען די לאגע פון די יודישע פילאנטראפישע געזעלשאפטען אין די נאך - מלחמה יאהרען. די שרעקליכע וועלט-מלחמה, וועלכע האט אלעס איבערגעקעהרט האט געמאכט א תל פון די פאר-מלחמה עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס, וועלכע האבען במשך דער מלחמה איינגאנצען אבגעשטעלט זייער טעטיגקייט און נאך דער מלחמה ווען די דאזיגע געזעלשאפטען האבען אנגעהויבען בענייען זייער ארבייט, וואס עס איז געווען א עלעמענטארע נויטווענדיגקייט, האבען זיי נישט געקענט געפונען די נויטיגע מיטלען אויפצובויען זייערע חורבות און זיי וואלטען דאס געוויס נישט געקענט טהון, אויב עס וואלט זיי נישט געקומען א הילף פון אויסען.

אמעריקא, דאס איינציגע לאנד וואס איז במשך דער מלחמה זעהר רייך געווארען און וועלכעס האט נאך דער מלחמה געשפילט די ראל פון ראטעווין די וועלט, האט אויך נישט אדורכגעלאזט די יודישע אנשטאלטען וואס האבען זיך געפונען אין א שוידערליכער לאגע.

די אמעריקאנער יודען האבען דאמאלס געשאפען קאלאסאלע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען, ווי דעם „דזשאינט" וועלכע האבען צווישען די אמעריקאנער יודען געזאמעלט ריזיגע סומעס מיט'ן צוועק צו העלפען זייערע ברידער אין די חרוב-געווארענע לענדער, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען דאס נייע פוילען. און טאקע נאר א דאנק די אנגעהויבענע גרויסע הילף פון די אמעריקאנער יודען איז געלונגען אויפצושטעלען צוריק די אינסטיטוציאנעלע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס און מיט די אמעריקאנער מיטלען האבען זיי געהאט די מעגליכקייט צו בענייען זייער טעטיגקייט, וועלכע האט זיך, איז געגאנגען, פיעלפאך פערגרעסערט.

עטליכע יאהר זענען כמעט אלע יודישע פילאנטראפישע און קולטורעלע אנשטאלטען איינגאנצען אדער אין א גאר גרויסער מאס אויסגעהאלטען געווארען דורך די אמעריקאנער געלדער וואס פלעגען איינפליסען נארמאל אין די בעשטימטע טערמינען און מען האט זיך גארנישט געקענט פארשטעלען אז די דאזיגע אנשטאלטען זאלען קענען עקזיסטירען אהן דער אמעריקאנער שטיצע.

מיט עטליכע יאהר צוריק האבען די אמעריקאנישע יודען אנגעהויבען צו פארקלענערען זייער שטיצע. זיי האבען ערקלערט, אז די לענדער, צווישען זיי אויך אונזער פוילען זענען שוין אויפגעבויט, דאס לעבען פונקציאנירט שוין נארמאל און זיי זענען שוין אומשטאנד זעלבסט אויסצוהאלטען זייערע אנשטאלטען.

אין אנפאנג זענען די געזעלשאפטען געווען פערצווייפעלט, מען האט געמיינט אז ווען דער אמעריקאנער קוואל וועט אויסטריקענען וועט מען צוריק מוזען שליסען די אנשטאלטען, אבער קודם-כל האט די אמעריקאנער שטיצע נישט אינגאנצען אויפגעהערט, זי איז נאר בעדייטענד פערקלענערט געווארען און בעזונדער חאט מען זיך גענומען ענערגיש צו דער ארבייט, מען האט זיך בעמיהט טאקע צו ווערען זעלבסטשטענדיג און נישט צו זיין אנגעוויזען אויף שטיצע פון דער פרעמד. און מען מוז צוגעבען, אז דאס האט זיך אין א געוויסער מאס איינגעבען.

די יודישע פילאנטראפישע אנשטאלטען, וועלכע האבען שוין עטליכע יאהר נארמאל פונקציאנירט, נאך זייער צוריק אויפבוי, האבען זיך באמת געמוזט זעהר שטארק אנשטרענגען, האבען געמוזט פיעלפאך פערדאפעלטען זייער ענערגיע און איבערגעבענהייט, אז זיי זאלען קענען אויסקומען אהן די געלדער פון אמעריקא. אבער דאס האט זיי געלונגען, און מען האט גע-האט א גרונד צו גלויבען, אז דאס פוילישע יודענטום איז טאקע שוין ביכולת אליין אויסצוהאלטען די אנשטאלטען, וואס זענען געשאפען געווארען פאר זייערע ארעמע אונטערדריקטע ברידער.

אבער דאן איז געקומען דער שרעקליכער קריזיס, דער אונגארמאלער קאטאסטראפאלער קריזיס, וועלכער האט ארומגעכאפט פוילען און וועלכער האט זיך באלד אנגערופען אויף די דאזיגע אנשטאלטען און זייער טעטיגקייט. שפעטער האט דער קריזיס זיך פערשפרייט אויך אויף דעם רייכען אמעריקא, און די דארטיגע יודען האבען אינגאנצען אבגעשטעלט זייער שטיצע. און דאן איז די לאגע פון די יודישע פילאנטראפישע אנשטאלטען געווארען קאטאסטראפאל און עס האלט, אז זיי זאלען חלילה אינגאנצען אונטערגעהן.

ווי די לאגע זעהט פאקטיש אויס איז וואס עס דארף געטהון ווערען, — וועגען דעם אין צווייטען ארטיקעל.

י. פ.

פון דער וואך.

דער פויליש-סאוויעטישער אבמאך.

זעהר גרויס אינטערעס האט ארויסגערופען די ידיעה, אז צווישען פוילען און סאוויעט - רוסלאנד זאל געשלאסען ווערען א נישט-אנגריף-אבמאך, וועלכער זאל גאראנטירען, אז דיביידע מלוכות זאלען נישט אגפאלען איינע אויף דער אנדערער, די פרעסע גיט איבער, אז דער דאזיגער אבמאך איז פאקטיש שוין פערטיג צום אונטערשרייבען און ס'איז שוין געקומען צו א הסכם צווישעןביידע צדדים וועגען אלע פרינציפיעלע פראגען, אזוי אז דאס אונטערשרייבען דעם אבמאך איז א פראגע פון עטליכע געצעהלטע טעג.

וויכטיגער ארץ-ישראל פראיעקט.

אין דער גאנצער וועלט-פרעסע האט זיך בעוויזען א סענסאציאנעלע ידיעה פון ניו-יארק, אז אויף א קאנפערענץ, וואס איז אבגעהאלטען געווארען אין וואשינגטאן פון א גרופע אמעריקאנישע קאנגרעס און סענאט-מיטגלידער מיט איינינגע אנפיהרענדע אמעריקאנער ציוניסטען, איז פארמולירט געווארען א זעהר וויכטיגער פראיעקט וועגען דער א"י פראגע פון וועלכען די פרטים זענען נאכנישט בעקאנט, אבער ער זאל האבען א זעהר גרויסע בעדייטונג פאר דער צוקונפט פון יודישען אויפבוי-ווערק אין א"י.

עס ווערט אויך צוגעגעבען, אז ווען דער אמעריקאנער קאנגרעס וועט זיך צונויפקומען נאך ניי-יאהר וועט פערעפענטליכט ווערען א ערקלערונג וועגען דעם דאזיגען פראיעקט און אז אין גיכען וועט אין אמעריקא פארקומען א גרויסע נאציאנאלע קאנפערענץ אין וועלכער עס וועלען זיך בעטייליגען פראמינענטע נישט-יודישע פאליטיקער און עס ווערט דיסקוטירט די פראגע וועגען שטיצען דאס יודישע אויפבוי-ווערק אין א"י.

די 5-טע לאנדעס-קאנפערענץ פון די רעוויזיאניסטען.

אין ווארשא איז פארגעקומען די 5-טע לאנדעס-קאנפערענץ פון די ציוניסטען-רעוויזיאניסטען, אויף וועלכער עס זענען געווען אנוועזענד 280 דעלעגאטען פון פערשיעדענע שטעדט אין פוילען, א רייהע חברים פון אויסלאנד און די רעוויזיאניסטישע פיהרער וו. זשאבאטינסקי, מאיר גראסמאן.

עס זענען נעהאלטען געווארען שארפע רעדעס געגען דער פאליטיק וואס עס פיהרט די אלוועלטליכע ציוניסטישע ארגאניזאציע און אויף דער שלוס-זיצונג וואס איז פארגעקומען מיטוואך, איז ראטיפיצירט געווארען דער בעשלוס פון קאלע, אז די רעוויזיאניסטען בילדען א בעזונדערע ארגאניזאציע, דאביי האט יעדער דאס רעכט צו קויפען א שקל און צו נעמען אנטייל אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. — עס איז אויך בעשלאסען געווארען אז די רעוויזיאניסטען זאלען זיך בעטייליגען אין 10 ציוניסטישען לאנדעס-צוזאמענפאהר.

די צאהל יודען אין ירושלים.

לויט די לעצטע אויסרעכנונגען אויפ'ן סמך פון דער לעצטענס פארגעקומענער פאלקס-צעהלונג אין א"י, וואס זענען ביז יעצט נאך אפיציעל נישט פערעפענטליכט געווארען בעטרעפט די בעפעלקערונג אין ירושלים 80526 איינוואוינער, פון זיי 51300 יודען, 19850 מוזולמענער און 19006 קריסטען.

היטלערס ציניש ערקלערונג.

דער שעף פון היטלערס ביורא האט ערקלערט פאר א צייטונגס-קארעספאנדענט, אז די הויפט-אויפגאבע פון דער דאזיגער אנטיסעמיטישער בעוועגונג איז צו פעראייניגען די גאנצע מענשהייט אין קאמף געגען יודען.

נייע שוין-צאלען.

אין „דזיעננניק אוסטאוו" איז שוין פערעפענטליכט געווארען די נייע פעראדנונג וועגען בעגרעניצען דעם אימפארט פון א גאנצע רייהע ארטיקלען און העכערען דעם צאל, וועלכער האט דעם צוועק צו שיצען די לאנדעס-אינדוסטריע אין האנדעל פון שעדליכען אימפארט.

אין די אינדוסטריע און האנדעלס-קרייזען וועט די נייע פעראדנונג אריינברענגען פיעל וויכטיגע ענדערונגען אויף געוויסע געביטען.

Pończochy - z gwarancją za trwałość
Rękawiczki - męskie damskie i dziecinne —
Bielizna - Jagera, oraz wszelką konfekcję męską najkorzystniej do nabycia
w DOMU POŃCZOCH bielizny i Manufaktury
Częstochowa, II Aleja 29.

פון „אסכלה".

מארגען שבת, דעם 2 יאנואר ארדענט איין דער ספארט-קלוב „אסכלה" א טאנץ-אווענד אין עוואנגעלישען זאל אויף א גאנצע נאכט. טענץ ביי רעפלעקטארען און טענץ-קאנקורס. איינגאנג נאר געגען איינלאדונגען.

די פערפאלגטע. (35

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך **י. געלזאהן.**

(פארטזעצונג).

.23

עטליכע טעג נאך דעם געשפרעך וואס דער מיילאנדער גובערנאטאר עמנואל מאראניא האט געהאט מיט וויקטאר פעלדמאן וועגען זיין שוועסטער מרים, איז פארגעקומען די אפיציעלע תנאים, וועלכע זענען געפייערט געווארען זעהר אימפאזאנט און אויף וועלכע עס זענען געווען אנוועזענד די גרעסטע פערזעהנליכקייטען פון מיילאנד. און א לאנגע צייט נאכדעם האט מען אין מיילאנד נישט אויפגעהערט צו רעדען וועגען דער דאזיגער פאסירונג.

מאראניא האט געפונען, אז ס'איז נישט פאסיג, דאס זיין כלה זאל ווייטער ארבייטען ביי איהם אין ביורא און ער האט איהר געדינגען א זעהר פיינע וואוינונג מיט מעבעל, אין וועלכער זי האט געוואוינט מיט איהר ברודער וויקטאר.

מאראניא האט געוואלט מרים'ן מיט וויקטאר'ן אינגאנצען אויסהאלטען אויף זיין רעכנונג, אבער וויקטאר האט זיך קאטעגאריש אבגעזאגט פון דעם און ווען ער האט פארגעלעגט דעם גובערנאטאר, אז ער וועט איבערנעהמען ביי איהם אין ביורא דעם אמט וואס מרים האט געהאט, האט מאראניא אויף דעם איינגעשטימט ער האט איהם געמאכט פאר דעם לייטער פון זיין ביורא און וויקטאר מיט זיינע פעהיגקייטען האט ווירקליך פיעל געלייסטעט, ער איז געווארען דער גאנצער פיהרער און שעף פון גובערנאטאר'ס ביורא אין מיילאנד און געוואוינט האט ער צוזאמען מיט זיין שוועסטער.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז וויקטאר און מרים זענען געווען איבערגליקליך פון דער נייער לאגע אין וועלכער זיי האבען זיך געפונען, אבער דאביי איז זייער גליק נישט געווען פולקאם שוין דערפאר, ווייל זיי האבען קיין מינוט אין טאג נישט פערגעסען זייער שרעקליכע פערגאנגענהייט און דאס טראגישע פערשוואונדען פון זייער פאטער און די קראנקהייט פון זייער אומגליקליכע מוטער און וויקטאר האט נאך געטרויערט אויף זיין געליבטער ראזא, וועלכע איז אזוי געהיימניספול פערשוואונדען און אלע בעמיהונגען צו געפונען איהרע שפורען האבען צו קיין רעזולטאט נישט געבראכט.

דער באראן אדעלבערג, ראזא'ס פאטער און זיין פרוי זענען נאך דעם פערשווינדען פון זייער איינציגער טאכטער, געווארען ווי אחנמעכטיגע הילפלאזע מענשען, וואס זענען צו אלעם גלייכגילטיג און קיין זאך אינטערעסירט זיי נישט, אויסער זייער איינציג קינד וועלכעס זיי האבען שטענדיג דערמאנט מיט טרעהרען אין די אויגען.

וויקטאר און מרים פלעגען זיי יעדען טאג בעזוכען און טראץ דעם וואס ביי וויקטאר'ן זעלבסט איז אויך דאס הארץ געווען גענוג פערטרויט, האט ער נאך געמוזט אין זייער געגענווארט זיך האלטען רוהיג און זיי טרייסטען. אבער זיינע ווערטער האבען קיין ווירקונג נישט געקענט האבען אויף די אומגליקליכע נידערשלאגענע עלטערען.

און וויקטאר איז דערוויל וואס אמאל העכער געשטיגען אין זיין אמט אלס לייטער פון דעם גובערנער-אמט, מיט זיין ענערגיע און אפפערווילינגקייט האט ער פיעל דערגרייכט. דערביי איז ער אויך געווען א ליבענסווירדיגער מענש, און דאריבער איז ער ביי אלעמען געווען זעהר בעליעבט און געשעצט.

בעזונדער האבען איהם פשוט פערגעטערט די בעאמטע און דאס גאנצע פערסאנאל פון דער ביורא און פריוואט-וואוינונג פון גובערנאטאר, וועלכע זענען געווען גרייט פאר איהם דאס לעבען צו שטרעקען און אלע האבען מיטגעפיהלט זיין גרויסען צער צוליעב זיין געליעבטער ראזא אדעלבערג.

צווישען די מענשען פון גובערנאטאר האבען זיך אויך געפונען די צוויי מענער, וועלכע האבען געוואוסט, אז ראזא'ן האט אוועקגעפיהרט דער אונמענש עקיבא. און איצט, זעהענדיג דעם טרויער פון וויקטאר'ן האבען זיי שטארק חרטה געהאט אויף זייער טהאט, וואס זיי האבען אנטייל גענומען אין דעם שרעקליכען פערברעך. זיי האבען זיך שטענדיג ארומגעקריגט צווישען זיך און יעדער האט ארויפגעווארפען די שולד אויפ'ן צווייטען.

וויקטאר מיט זיין טיעפען פערשטאנד האט אמאל נישט ווילענדיג בעמערקט ווי די דאזיגע צוויי מענשען זענען צו איהם עפיס נישט דרייסט, אזוי ווי זיי וואלטען זיך געגען איהם געפונען שולדיג. אנפאנגס האט ער געמיינט, אז דאס דאכט זיך איהם בלויז, אבער ווען ער האט זיי אנגעהויבען ספעציעל צו אבסערווירען, האט ער וואס אמאל מעהר איינגעפונען, אז זיין פערדאכט האט א גרונד און ער האט ביי זיך בעשלאסען די זאך גענוי אויסצופארשען.

ער האט זיי געוואלט נאכשפיאנירען, אבער אזוי ווי איהם אליין איז דאס אנגעקומען צו שווער, ווייל ער איז מיט זיי קיינמאל נישט געווען צוזאמען, האט ער זיך מיט דעם פערטרויט פאר א יונגען בעאמטען, וועלכען ער האט ערשט לעצטענס אנגאזשירט און וויקטאר האט געוואוסט, אז דאניעל (אזוי האט ער געהייסען) איז איהם זעהר טריי און איבערגעבען, ווייל ער האט איהם גערעטעט פון א שרעקליך אומגליק און געגעבען אזא גוטען אמט און וויקטאר האט בעשלאסען זיך צו איהם צו ווענדען, אז ער זאל איהם אין דער זאך בייהילפיג זיין.

וויקטאר אליין האט נישט געוואוסט פארוואס ער לעגט אזוי פיעל אכט אויף דעם און וואס עס קענען איהם אייגענטליך אינמערעסירען די דאזיגע צוויי מענשען, אבער אינערליך טיעף אין הארץ האט ער געפיהלט, אז ער מוז די זאך אויספארשען.

אבער נאך איידער ער האט זיך בעשלאסען צו פערטרויען פאר דאניעל'ן האט ער געוואלט וועגען דער זאך אדורכרעדען מיט'ן גובערנאטאר.

און ווען ער האט דעם גובערנאטאר איבערגעגעבען זיין פערדאכט אויף די דאזיגע צוויי מענשען, האט מאראניא איהם פשוט אויסגעלאכט, זאגענדיג:

איך האלט זיי ביידע פאר מיינע געטרייעסטע דיענער און זיי געפונען זיך אין דעם אמט שוין זינט עטליכע צוואנציג יאהר און איך אליין, זינט איך האב איבערגענומען דעם גובערנאטאר-אמט, האב ביי זיי קיין שום פערדעכטיגעס נישט בעמערקט, טראץ דעם, וואס איך האלט גוט אויפ'ן אויג אלע מיינע מענשען.

דאס איז אלעס גאנץ ריכטיג ה' גובערנאטאר—האט וויקטאר געזאגט—אבער מיינע געפיהלען זענען שטארקער ווי אלע ווירקליכקייטען, איך פיהל אז דא מוז עפיס זיין פערבינדען א געהיימניש, איך דערקען דאס אין זייערע בליקען און בעוועגונגען ווען זיי געפונען זיך אין מיין אנוועזענהייט, איך האב דאס שוין זעהר גוט אבסערווירט און מיר שיינט, אז איך האב קיין טעות נישט.

אבער מיט וואס רעכענסטו קען דאס זיין פערבינדען? — האט דער גובערנאטאר געפרעגט פערוואונדערט.

איך זאג אייך גאנץ אפען — האט וויקטאר געזאגט — אז איך טראכט פיעל מאל דאס די דאזיגע מענשען ווייסען עפיס וועגען מיין ראזען..

וואס? —

אזוי טראכט איך, און איך וועל מיך פון מיין דאזיגער השערה נישט קענען בעפרייען ביז איך וועל נישט זיין פעסט איבערצייגט אז איך האב א טעות.

דער גובערנאטאר האט נאך אלץ געוואלט אנווענדען וויקטאר'ן פון זיין פערדאכט, אבער מרים וועלכע איז אויך געווען אנוועזענד ביי דעם געשפרעך האט זיך אנגערופען:

אבער איך פערשטעה דיך נישט עמנואל, אויב וויקטאר טראגט זיך ארום מיט אזאלכע געדאנקען מוז ער אומבעדינגט זעהען דאס גענוי אויסצופארשען, און מיר וועלען איהם די מעגליכקייטען דערצו געבען.

דו האסט רעכט מיין טייערע — האט מאראניא געענטפערט — קיין זאך וועט וועט איהם שוין פון זיין פערדאכט נישט בעפרייען ביז ער אליין וועט זיך איבערצייגען אז ער איז פאלש.

(פארטז. קומט)

ז. קאטלער, ירושלים.

די חנוכה-וואך אין ארץ-ישראל

א טרויעריג יאהר און דאך א פרייליכע וואך.

פינסטער איז די יעצטיגע ווירקליכקייט אין דער גאנצער וועלט, ווען דער עקאנאמישער בנין פון דער גאנצער וועלט האט אויפגעציטערט און זיין צושטאנד איז געווארן אזוי נישט זיכער.

און ביטער איז דאס מזל פון דעם יודענטום, וועמענס אלגעמיינער חורבן וואקסט און פערגרעסערט זיך, ספעציעל איצט, אומעטום: נישט בלויז אין מזרח אייראפא, נאר אויך אין מערב-אייראפא און אפילו אין אמעריקא...

אלס רעזולטאט פון דעם און אויך צוליב אנדערע סיבות, ליידט זעהר שטארק אויך די ציוניסטישע בעוועגונג און די גאנצע אלגעמיינע בויאונגס-און אויפבויאונגס-ארבייט אין א"י.

אבער דאך?..

דאך איז דער חנוכה-יום-טוב פון איצטיגען יאהר תרצ"ב, געפייערט געווארען אין ארץ-ישראל נישט מיט ווייניגער פאראד—אויב נישט טאקי מיט מ ע ה ר פאראד—ווי אין די פריערע יאהרען, אפילו די גאר בעסטע.

ווייל דאס קאלאניזאציאנס-ווערק, וואס מיר פערמאגען שוין יעצט אין ארץ-ישראל, די קאלאסאלע און ערפאלגרייכע אויפבוי-ארבייט, וואס איז מיט פיעל מיה און שוויס פון אונזערע געוועזענע און הערליכע פיאנערען, אויף אונזער נאציאנאלען באדען, אויפגעטהון געווארען אין ארץ-ישראל, איבערהויפט אין די לעצטע 10 יאהר—דאס אליין איז גענוג גרויס צו פערשטארקען דאס גלויבען, ארמוטיגען דעם גייסט פון יעדען בעוואוסטזיניגען און רעכטדענקענדען יוד אין ארץ-ישראל, אפילו אויך אין אזא אלגעמיין קריטישער ממש קאטאסטראפאלער צייט ווי די יעצטיגע.

איז דאך אנהויב פון יעצטיגען ווינטער געווארען 10 יאהר זינט אין דעם עמק-יזרעאל, נאך זיין וויסטען געשטאנד פאר די לעצטע יאהרהונדערטער, זענען אויפגעשטעלט געווארען די גרעסטע און וויכטיגסטע יודישע דערפער.

דאס איז דער גרעסטער איבערגאנג — און נאך דערצו אין אזא קורצער צייט — פון די פלאפלענדיגע און פוסטע „דעבאטען" און „דיסקוסיעס" אויף די ציוניסטישע פערזאמלונגען און מיטינגען אין די שטעדט פון גלות, צו דער אזוי רעאלער און דורכאויס שאפענדער ארבייט אינ'ם ריין-יודישען דארף אויפ'ן אבסאלוט-יודישען נאציאנאלען באדען,— אט שוין זעלבסט דער דאזיגער איבערגאנג און זיינע גלענצענדע רעזולטאטען זענען די שטארקסטע עדות פאר דער מאכט און פעהיגקייט פון יודישען גוטען ווילען, די בעסטע און שלאגענדסטע בעווייזען אויף די גרויסע מעגליכקייטען, וועלכע זענען נאך פערהאן אין אונזער לאנד פאר אונזערע איצט אין דער גאנצער וועלט אזוי פערפאלגטע און ליידענדע ברידער און שוועסטער.

די יודען אין ארץ-ישראל, אפילו אויך די יעניגע, וואס שטעהען אין א זייט פון דעם דאזיגען איבערגאנג קענען אלזא נישט, דארפען נישט און וועלען נישט פערצווייפלען, זאגאר אין אזא ביטערע צייט ווי די יעצטיגע.

דעריבער איז עס שוין געוועזען גאנץ נאטירליך, אז אויך—צו גאר ד ו ק א— דעם היי - יאהריגען חנוכה זאלען זיי פיי רען מיט נישט ווייניגער פאראד און פרייד, ווי עס האבען דעם זעלבען יום - טוב געפייערט פריהער, איבערהויפט זינט נאך דער גרויסער וועלט-מלחמה.

זענען טאקי אין פערלויף פון דעם פערגאנגענעם חנוכה אין גאנץ ארץ-ישראל, אין די יודישע דערפער ווי אין די יודישע שטעדט (דערונטער אויך אפילו דאס אור-אלטע ירושלים), פארגעקומען זעהר פיעל פערשידענע טראדיציאנעלע צוזאמענפאהרען, פערזאמלונגען, חנוכה - אונטערהאלטונגען און פערוויילונגען, ווי: געזעלשאפטליכע סעודות, קאנצערטען, בעלער, אויספלוגען, ספארט און טעאטער - פארשטעלונגען, בילדער, אנטיקען און אנדערע אויסשטעלונגען וכדומה.

ד"ר הויפט-פונקט פון די אויסשטעלונגען איז געוועזען אהן צווייפעל די, וואס די הויפט-ביורא פון יודישען נאציאנאל-פאנד האט אין איהר אייגענער היים, אין ירושלים, ארראנזשירט פאר דער גאנצער חנוכה-וואך, נעמליך:

1) דאס הערצל-צימער אין וועלכען ס'געפונט זיך דאס גאנצע מעבעל, די ביבליאטעק, בילדער און כלים, וועלכע האבען זיך געפונען אין ד"ר הערצל'ס ארבעטס-צימער, אין וויען, ווערענד זיין לעבען און ווירקען.

2) די ביבליאטעק און דאס דירעקטארען-צימער פונ'ם יודישען נאציאנאל-פאנד.

3) די 4 בענדער פונ'ם גאלדענעם בוך („ספר הזהב") פון זעלבען פאנד, און—

4) די ליטעראטור וועגען דעם יודישען נאציאנאל-פאנד, וועלכע בעשטעהט פון בערך 600 ביכער, בראשורען, פ וגבלעטער און אנדערע אויסגאבען (ווי מאפעס א. ד. ג.) און ביז צוואנציג פערשידענע שפראכען, וועלכע זענען ערשינען אין כמעט 40 פערשידענע לענדער אין אלע טיילען פון דער וועלט.

די דאזיגע אויסשטעלונג האט אנגעהאלטען פון זונטאג, דעם 2-טען טאג חנוכה, ביז דאנערשטאג אווענד, דעם 6-טען טאג חנוכה. יעדען טאג בלויז צוויי שעה, כדי נישט צו שטערען די אלטעגליכע ביורא-ארבייט.

און אין פערלויף פון די צוזאמען 10 שעה, וואס די אויסשטעלונג איז געווען אפען, איז זי בעזוכט געווארען פון איבער צוויי טויזענד מענשען, אלטע און יונגע, מענער און פרויען, פון אלע שיכטען, שטאנדען און קלאסען, צווישען זיי אויך געסט פון אויסער ירושלים.

דאס איז געווען צום ערשטען מאל אין זיין געשיכטע, וואס דער יודישער נאציאנאל-פאנד האט זיינע צאהלרייכע פערעהרער און שטיצער אין ארץ-ישראל אזוי נאהנט בעקענט נישט בלויז מיט די גלענצענדע רעזולטאטען פון זיין גאולת-הארץ-ארבייט אין ארץ-ישראל, נאר אויך מיט דער ארט און ווייזע ווי אזוי ער זאמעלט זיינע הכנות—א ריזיגע און זעהר שווערע ארבייט, וועלכע האלט איהם שטענדיג אין דער נויטיגער דירעקטער פערבינדונג מיט דעם גאנצען יודישען פאלק אין איבער 50 לענדער אויף דעם גאנצען ערד-קוגעל.

א בריעף פון ברעסלוי.

פון אונזער קארעספאנדענט פ. שמולעוויטש.

די אנטיסעמיטישע כוואליע, וואס האט לעצטענ'ס ארומגעכאפט דייטשלאנד איז קען מען זאגען א זעלטענהייט אין דער יודישער געשיכטע פון די לעצטע יאהרען. קיין שום אנטיסעמיטישע בעוועגונג אין קיין שום לאנד האט זיך נישט ענטוויקעלט אין אזא שנעלען טעמפא ווי די היטלער-בעוועגונג, וועלכע האט, ווי מען רעכענט שוין ארומגענומען ביז-איצט לערך 20 מיליאן מענשען, וואס עס איז א דריטעל פון גאנצען דייטשען פאלק.

דעריבער איז טאקי די מורא פאר אט דער דאזיגער שאוויניסטישער בעוועגונג נישט אונבעגרינדעט, די בעוועגונג נעמט נישט אן קיין שטרענגע מיטלען זי צו אונטערדריקען, די יוסטיץ איז כמעט איינגאנצען אויף זייער זייט, עס בלייבט נאר איבער די וויכטיגע פראגע: וואס וועט זיין מיט'ן מיליטער? אויף וועלכער זייט וועט עס זיך שטעלען, ווען די היטלעראווצעס וועלען אפען ארויסטרעטען צו איבערנעמען די מאכט. אין דער פראגע זענען פערהאן חלוקי-דעות, אבער בעה"ט גאט, אז עס זאל צו דעם קומען. דער קריעגס-מיניסטער שווייגט, נישט קוקענדיג אויף דער מונטערונג פון דער לינקער פרעסע. ברינינג האט זאגאר אין דער לעצטער נויט - פעראָרדנונג וועגען דעם אינטערוויאו מיט דער אויסלענדישער פרעסע אין בערלין געדארפט אויסצווייזען היטלער'ן פון פרייסען אלס אויסלענדער און ווי די צייטונגען מעלדען איז די פאליציי שוין געווען פארגעברייט צו דעם דאזיגען שריט, אבער היטלער האט וועגען דעם פריהער ערפאהרען און ער וויל דאריבער דאס אינטערוויאו אויספיהרען אין מינכען, וואו ער פיהלט זיך זיכערער ווי אין דער היים.

עס איז נישט קיין וואונדער, אז צוליעב די דאזיגע אומשטענדען לעבט דאס יודענטום אין דייטשלאנד אין דער נרעסטער שרעק און מרה-שחורה, מען איז אונרוהיג פאר'ן מארגען און יעדער טאג, וואס געהט אריבער רוהיג איז א געווינס. די גאנצע ווירטשאפט איז געלעהמט פון אלע זייטען, דער האנדעל, ספעציעל אין די ווארען-הייזער, וואס ליגען אויסשליסליך אין יודישע הענד, ליידט שרעקליך צוליעב דער באיקאט - אגיטאציע און מען קען נישט וויסען וואס דער מארגענדיגער טאג וועט ברענגען.

אבער אין נאך א פיעל שווערערע שטימונג לעבען דא די מזרח - יודען, וועמענס לאגע עס איז ביז-יעצט אויך גישט געווען אזוי גוט און אויף וועלכע מען האט אויך פריהער קרום געקוקט, דאריבער זענען זיי איצט פשוט פערצווייפעלט איבער דער געשאפענער לאגע און דאס האט מיך בעוואויגען, אז איך זאל מיר אויספועל'ן אנ'אוידיענץ ביים פוילישען קאנסול אין ברעסלוי און מיט איהם האבען א אינטערוויאו.

איך האב דעם קאנסול געשטעלט א פראגע, ווי אזוי די פערטרעטערשאפט פון דער פוילישער רעגירונג וועט זיך פערהאלטען אין דער צייט, ווען היטלער קען קומען צו דער מאכט און וועלכע שוץ קענען די פוילישע בירגער ערווארטען פון דעם פוילישען קאנסולאט?

דער קאנסול איז א זעהר אנגענעהמער און ליבענסווירדיגער מאן, האט מיט א שמייכעל צו מיר געזאגט: אייך אינטערעסירען דאך געוויס אממעהרסטען די פוילישע יודען, וואס געפונען זיך דא און ווען איך האב דאס בעשטעטיגט האט דער קאנסול מיר געענטפערט, אז ביי איהם איז נישט קיין אונטערשיעד צווישען יוד און קריסט, אלע פוילישע בירגער זענען ביי איהם גלייך און וועמען עס זאל חלילה עפיס פאסירען וועל איך זיי גלייך פערטיידיגען, מיט די מיטלען וואס געפונען זיך אין מיין רשות.

דאביי האט דער קאנסול צוגעגעבען: אז איך וואלט מיר נאר געוואונשען אז די יודען זאלען נישט, ווי זייער טבע איז, ווען עס פאסירט עפעס לויפען פריהער צום רב, אדער צו דער דייטשער פאליציי און צו מיר קומען זיי ערשט צולעצט, אזוי אז איך פיעל פאלען, וואס פאסירען מיט די פוילישע יודען בין איך אינגאנצען נישט אינפארמירט, זאלען זיי נאר קומען צו מיר אין דער צייט, וועל איך זיך שוין בעמיהען, אז קיין שום פוילישען בירגער זאל קיין שלעכטס נישט פאסירען.

די גוטמוטיגע פערזיכערונג קען אונז פוילישע יודען געוויס בערוהיגען אבער דערביי איז אונז אויפפאלענד פארוואס אין דער צייט ווען אלע אויסלענדישע צייטונגען ווי דער ענגלישער און פראנצויזישער האבען זיך שוין געאייסערט און ארויסגעזאגט זייער מיינונג ווי אזוי זייערע רעגירונגען וועלען זיך פערהאלטען אין דער צייט ווען היטלער זאל איבערנעמען די מאכט, ברענגען די דייטשע צייטונגען נישט קיין שום נאטיץ פון דער פוילישער, וועגען דער שטעלונג פון דער פוילישער רעגירונג אין דער הינזיכט.

אבער ס'איז דאך פערשטענדליך אז וועגען אזאלכע פאליטישע זאכען מוז די דייטשע פרעסע זיין פארזיכטיג אפשר נאך מעהר ווי די אנדערע אויסלענדישע פרעסע.

יעדענפאלס איז דאס געבעהט פון אלע יודען אין דייטשלאנד, אז אזא מאמענט ווען היטלער זאל איבערנעמען די מאכט, זאל קיינמאל נישט קומען.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אויף דער שוועל פון נייען יאהר 1932 שטעה איך און קוק אין דער ווייטער פערהוילענער צוקונפט מיט א פראגע אויף די ליפען, וואס וועט ווייטער זיין? צו וועט זיין בעסער, צו חס ושלום נאך ערגער? (כאטש איך שטעל זיך נישט פאר אין דער פאנטאזיע, אז עס קאן נאך ערגער זיין).

און דער עיקר, וואס בעשעפטיגט מיין מוח, איז, וואס זאל איך ארימער שרייבער טהון. וואס פארע נביאות זאל איך פארזאגען דעם נייען יאהר. און איך פעריאג מיינע געדאנקען וועגען דער צוקונפט, וואס גרוילט מיך, אז איך טראכט וועגען איהר און וויל דאס מאל אבפטר'ן מיין „וואס געהערט און וואס געזעהן" נישט מיט דעם וואס עס וועט זיין, נאר מיט דעם וואס עס איז געווען און דאס אלץ וואס איך וועל דא שרייבען, וועט און זאל נאך געהערען צום אלטען יאהר.

ווער האט געמאכט דאס בעסטע געשעפט?

איך פערשטעה, אז איהר זענט מקנא די סוחרים וואס האבען פאר די חגאות געמאכט גלענצענדע געשעפטען, ווארים זייערע קראמען זענען דאך די לעצטע וואך געווען אפען ביז 9 אווענד און מי יודע וויפיעל געלד זיי האבען דאס געלייזט.

טא רבותי, זייט וויסען, אז איהר האט א טעות אין חשבון, די געשעפטען זענען טאקע געווען אפען, נאר געלייזט האבען זיי נישט איבער פאלגענדע טעמים: ראשית, האט דער עולם נישט קיין געלד, והשנית, האבען די יודישע קראמען נישט געלייזט איבער די ווילדע העצע פון די באיקאט-העצער, וועלכע האבען אויך דא ביי אונז געפיהרט זייער העסליכע ארבייט. איז דאך די פראגע, ווער האט געמאכט די בעסטע געשעפטען, איז דער תירוץ, די ע ל ק ט ר א ו נ י ע. היות ווי די קראמען זענען געווען אפען ביז שפעט אין אווענד, האט זיך דאך אויסגעברענט מעהר ליכט, וועט די עלעקטראווניע האבען מעהר געלד.

לכן קומט אויס, אז פון דעם גאנצען פאר יום-טוב טאראראם, וועט נאר געניסען די עלעקטראווניע. זי האט געמאכט און מאכט נאך די בעסטע געשעפטען.

ער פרעסט נישט קיין יודישע טשאסטעס.!

מיט דער באיקאט-העצע, ווי עס ווייזט אויס האבען זיי נישט געהאט קיין גרויסען ערפאלג, ווארים, ווער עס האט געוואלט קויפען ביי יודען האט ער עס נישט געטהון מאהבת מרדכי, נאר גאהר פשוט דערפאר, ווייל יודען זענען בעסערע סוחרים און די סחורה איז בעסער און ביליגער. און די וואס האבען אפשר נישט געוואלט קויפען ביי יודען, האבען נישט געהאט פאר וואס צו קויפען. מען מוז דאך אבער מקיים זיין הלכות באיקאט, האבען זיך עטליכע קריסטליכע שילער ארויסגעלאזט אין גאס אריין און געפראוועט זייערע שטיק.

זיי זענען אריין אין יודישע געשעפטען, האבען זיך געהייסען איינפאקען סחורה און שפעטער, ווען עס איז געקומען צו צאהלען, האבען זיי זיך געפרעגט צי דאס איז א יודיש געשעפט און בעקומענדיג א ענטפער אז יא, האבען זיי אבגעזאגט זייער פסוק „או זשידוב ניע קופויעמי" און פערלאזט מיט א סאדיסטיש שמייכעל דאס געוועלב.

צום ה' אוויעטשקא, סטראזשאצקע גאס, איז אויך געקומען אזא ווילדער שילער און זיך געהייסען איינפאקען 2 טשאסטעס און ווען עס איז געקומען צום בעצאהלען, חאט ער א קוק געגעבען כלומרשט אויף דער שילד און אויסגעשריגען, אז קיין יודישע טשאסטעס פרעסט ער נישט.

מילא, וואס דער אייגענטימער האט איהם אנגעווינשען דערפאר, מעג עס איהם מקוים ווערען...

„טראדיציע"...

די צייטונגען האבען געשריבען, אז נאך די לעצטע סטודענטען געשעהענישען האבען א סך יודען, וועלכע האבען געמאכט יעדעס יאהר כאאינקעס זיך דערפון היי-יאהר אבגעזאגט. מעגליך, אז דאס איז אמת, דערפאר ווייס איך אבער פון א סך יודען און טאקע ביי אונז אין שטאדט, וואס האבען פונדעסטוועגען די דאזיגע מצוה פון כאאינקעס געפראוועט מיט אלע פרטים.

און זאל דאס אפען געזאגט ווערען אז צווישען די הייסע כאאינקע-חסידים געפונען זיך געזעלשאפטליכע טהוער, וואס פערנעמען אמטען אין יודישע אינסטיטוציעס. ווען מען פרעגט זיי, היתכן ווי קומט דאס צו אייך? איז געפאלען דער ענטפער: טראדיציע, עס איז שוין ביי אונז אזא טראדיציע פון יאהרען, די קינדער ווארטען שוין אויף דעם א גאנץ יאהר און מען קען נישט מיט איינמאל אבשאפען אזא איינגעווארצעלטען מנהג, טא יעסט פראשען פאנא „טראדיציא"...

זיי האבען מורא פאר'ן „באט".

ווי בעוואוסט האט זיך ביי אונז אין שטאדט געעפענט א אבטיילונג פון דער שוך-פירמא „באטא".

מילא, אז דאס בעאונרוהיגט די שוסטער, וועלכע לעבען אזוי אויך אדורך א קריזיס, איז איבריג צו זאגען, נאר אין שטאדט האט זיך געשאפען א וויץ, א וויץ א טרויעריגער, וועלכער ווערט געזאגט מיט סארקאזם, אז א שוסטער איז געגליכען, להבדיל, צו א פערד. א פערד האט מורא פאר'ן „באט" און אויך א שוסטער האט מורא פאר'ן „באט'א".

אויב נישט קיין נדבה זאל זיין א רעצעפט.

אין „טאז" קומט אריין אנ'ארימאן און בעט א נדבה און ווען מען מאכט איהם אויפמערקזאם, אז דא גיט מען נישט קיין נדבות, נאר, אז דאס איז א אינסטיטוציע, וואו מען קען בעקומען א דאקטאר אדער א רעצעפט, קלערט ער נישט לאנג און ענטפערט, אז ער ברויך טאקי א דאקטאר און ער וועט נעמען א רעצעפט. און אויב מען גיט איהם נישט קיין נדבה, זאל מען געבען א דאקטאר, און אויב דער דאקטאר איז גראד נישטא אויפ'ן ארט וועט ער זיך בעגניגענען כאטש מיט א רעצעפט...

ווען מען האנארירט נישט קיין „מיסטזש".

אין דער נייער צעכען-גזירה איז דא א פונקט, אז יעדע בראנזשע שאפט זיך א צעך און זיי קלויבען אויס א מיסטזש, ד"ה דער „סטארשי" פון צעך, וואס איז דער פרעזעס, דער פעראנטווארטליכסטער פערזאן פאר דער מאכט פאר זיין צעך.

דער סטארשע שרייבט אונטער אלע פאפירען פאר זיינע מיטגלידער און אויך ווען עס האנדעלט זיך וועגען ארויסבעקומען די האנדווערקער-קארטע פון דער מאכט, דארף ער האבען א בעשטעטיגונג פון מיסטזש, וועלכע ווערט האנארירט פון דער מאכט.

אין מאלער-צעך האט אבער געטראפען א פאל, וואו די אונטערשריפט פון מיסטזש איז נישט האנארירט געווארען און האט געבראכט קאנסעקווענצען.

ה' דזיאלאוויטש האט אלס מיסטזש פון מאלער-צעך אונטערגעשריבען א קוויט, אז פלוני בן פלוני האט געארבייט אין 27-טען יאהר אלס זעלבסטשטענדיגער בעל-מלאכה און דעריבער קומט איהם די האנדווערקער - קארטע. און דעם אמת מוז מען זאגען, אז אין דער הינזיכט פון אונטערשרייבען אזעלכע בעשטעטיגונגען, איז ה' ד. איינער פון די פונקטליכסטע, און פונדעסטוועגען איז די דאזיגע אונטערשריפט נישט האנארירט געווארען, זיי פערטיידיגען זיך, אמת, אז צוליעב נישט פונקטליכקייטען, וואס זיי איז אויסגעקומען צו האבען פון אנדערע מיסטזשען, איז דעריבער דא געשעהן אזא אונאנגענעהמער פאל.

ה' ד. איז אבער האנאראווע און אלס ענטפער אויף דעם האט ער אנגעשריבען א בריעף אין דער סטאראסטווא, אז ער ענטזאגט זיך אלס צעך-מיסטזש...

דעם דאזיגען פאקט קאמענטירט מען שטארק אין די האנדווערקער-קרייזען.

די פאזנאנטשיקעס האבען געכאפט זייער פסק.

לעולם וואלט נישט געשאדט, אז די פאזנאנטשיקעס זאלען אמאל כאפען א פסק פאר יודישע עולות, ווארום מיר האבען פון זיי שוין אסך געליטען און ביז'ן הייגטיגען טאג הערשט נאך אין פויזען סעקרעטארטשיק'ס גייסט.

אבער אויב איך שרייב, אז די פאזנאנטשיקעס האבען געכאפט א פסק איז עס נישט די כוליגאנעס, נאר די

ביי אונז און ביי זיי...

דער אלגעמיינער ספארט געפונט זיך אויליעב'ן וועלט-קריזיס אין א זעהר שווערע לאגע, איבערהויפט דער ספארט בײ יידישען יודען.

איך וועל זיך יעצט נישט אבשטעלען צו בעהאנדלען די אינערליכע סבות דערפון, איך וועל נאר יעצט אויפווייזען די שטערונגען לגבי דעם ספארט צווישען יודען, לא די, וואס דער יודישער ספארט בעקומט נישט קיין הילף פון דער אויסערליכער זייט, שטערט מען איהם נאך פון דער אינערליכער זייט אויף דער יודישער גאס.

עס ייי מיר היינטמאל אויסגעקומען צו פערנעמען זיך מיט קאסעס פון פערשידענע ספארט-אימפרעזען, אלס מיטגליד פון אמט פאר שפיעל און דיסציפלין און איך האב בעמערקט, אז די קאסע אויף א פוילישען פלאץ, אין א פוילישער סביבה, ווערט אונטערשטיצט דורך 90 פראצ. יודען. יא, גאנצע נייניציג פראצענט יודען, די קאסעס זענען דאמאלס איבערפולט און די פוילישע קלובען האבען יעדעס מאל פערדינסטען. דאגעגען ווען די ספארט-אימפרעזע קומט פאר אויף א יודישען פלאץ, אין א יודישער סביבה, דאמאלס איז השם ישמרנו, דער יודישער קלוב שפירט זיך אהן כחות, אהן מוטה און האט נאך דערצו שאדענס.

אט בין איך לעצטענס געווען עטליכע מאל אויף די באקס-קאמפען פון היגען שוין 17-יעהריגען יודישען טורן- און ספארט-פעראיין, וועלכער פערדינט פשוט מען זאל הייבן צו איהם אכט- האקט מען יעדעס מאל שויבען, דער איינגאנג ווערט „העלדיש" אטאקירט און איך ווייס נישט איבערהויפט, צי אויף אזעלכע זאכען וואלטען זיך די מענשען-העלדען ערלויבט אויך אין א פוילישער סביבה.

די ערשטע באקס-קאמפען זענען נאך בעזוכט געווארען דורך מעהר בעסערע געסט, יודען און קריסטען, אבער נאך די העלדישקייטען פון אונזערע גבורים פון דער צווייטער זייט לאקאל, זעהט מען שוין די מענשען וויינינגער.

די אויבענדערמאנטע סצענעס קומען פאר נישט בלויז בעת די יעצטיגע באקס - קאמפען, נור דער אנהויב האט זיך גענומען זומער-צייט אויף די פוטבאל-מעטשען.

בעת די באקס - קאמפען פון היגען י. ט. ס. פ. מיט דער פויזנער ברכוכבא איז אריינגעוואָרפען געווארען א צוזאמענגעקלעבטע ציגעל, וואס האט געקענט א מענש שווער פערוואונדען, צום גליק האט עס קיינעם נישט געטראפען. פרעגט זיך אבער: צי קומט דאס אויף פוילישע ספארט - אימפרעזען אויך פאר? און דאס טהון יודען...

די יודישע קלובען קאסט געווג מיה ביז זיי פערגינען זיך איינצוארדנען אימפרעזען, כדי צו פערדינען אויף צו פערברייטערן די טעטיגקייט, זאלען זיי נאך האבען שאדענס פון דער אייגענער יודישער זייט, פון דעם אמת'ען עמך, וועלכע מיר פערדאנקען שטענדיג די אמת'ע יודישע ספארט-נצחונות?

ניין! נישט דאס איז דער וועג צו אונטערשטיצען דעם ספארט און פערגעסט נישט, אז דער „האנדיקאפ" דער איינציגער אויסוועג אויף וועלכען עס שטיצט יעדער איינציגער קלוב זיין נצחון וועט נאך אזעלכע אויבענדערמאנטע פאלען ווערען אוועקגענומען. עס איז דאך אנ'אונמעגליכע זאך ביי אזעלכע בעדינגונגען צוצולאזען צו ספארט - אימפרעזען און דאמאלס וועט אויסקומען, אז דער יודישער ספארטלער וועט זיך מוזען שטענדיג געפונען אין א ריין-פוילישער סביבה און דאמאלס וועט שוין ממילא אויפהערען צו עקזיסטירען און דער יודישער ספארטלער וועט שוין קיין יודישען ספארט-קלוב נישט פיהרען א רעגולערע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון ערציהען א פיזישע יוגענד נור וועט מוזען רעזיגנירען.

נישט גענוג וואס די יודישע ספארט-קלובען האבען נישט קיין אונטערשטיצונג פון דער אויסערליכער זייט, ווי צ. ב. קהלה, מאגיסטראט, זאל מען נאך אויפהערען צו רעכענען וועגען איינקונפטען פון אימפרעזען, דאס מוז פיהרען צו רואין פון גאנצען ספארט ביי יודען אין אונזער שטאדט

עס וואלט כדאי געווען, אז די שטערער זאלען אביסעל אכט לייגען אויף זייערע אונערהערטע מעשים.

חיים הירעגהאלץ.

וועגען דראמאטישען קרייז...

דער גרעסטער טייל טעאטער-בעזוכער פערטראכט זיך קיינמאל נישט אויף דער טעכנישער זייט פון דער אויפפירונג, מ'לאכט ביי א גוט אויפגעפירטע קאמעדיע און מ'פיהלט מיט ביי א טראגעדיע, מ'בעוואונדערט א גוטע קינסטלערישע דעקאראציע, מ'ענטציקט זיך פון א רייכער אויסשטאטונג א.א.וו. אבער גאנץ ווייניג גיבען א טראכט איבער די איבערמענשליכע שוועריגקייטען וואס מ'מוז גובר זיין ביז צום אויפפיהרען די פרעמיערע.

איז, אויב מ'מוז עס מוחל זיין דעם בעזוכער פון פראפעסיאנעלען-טעאטער, ווי ס'גילט די דעוויזע: איך צאהל און פאדער, טאר עס אויף קיין אופ'ן אנגעווענדעט ווערען לגבי ליבהאבער-אמאטארען.

דער בעזוכער פון אנ'אמאטארען-פארשטעלונג און ספעציעל דער אינטעליגענטער בעזוכער, דארף און מוז נעמען אין אכט די בעדינגונגען אין וועלכע דער אויפטריט ווערט ארגאניזירט, אלזא: די שוועריגקייטען ביי דער ראלען-בעזעצונג, צוליעב דעם וואס דער קרייז בעזיצט נישט אלע כאראקטער-טיפען, וואס זענען נויטיג צו דער אויפפיהרונג פון גרעסערע פיעסען, צוליעב וואס מ'מוז שוין לכתחלה רעזיגנירען פון דער גרויסער שפע נייע פיעסען.

נישט קיין קלענערע דאגה פאר א דראמ.-קרייז איז די פראגע פון א רעזשי. קיין יודישער רעזשיסער איז אויפ'ן ארט נישט פערהאן און אראבברענגען איהם פון דער פרעמד איז נישט אויף די כחות פונ'ם קרייז. דאן קומט די אנגעווייטאגטע לאקאל-פראגע און מיט איהר די אויסשטאטונג, דעקאראציע און ד. ג. ענינים וואס האבען א גרויסע בעדייטונג און ווירקונג אויף דעם מאראלישען ערפאלג פון יעדער אויפפיהרונג.

די אויבענדערמאנטע סיבות בעשווערען זעהר דאס ארגאניזירען אנ'אויפטריט פון דראמ.-קרייז, וואס פאדערט אויסערגעוועהנליכע אנשטרענגונגען און ענערגיע.

צו די אלע צרות איז דער איינציגער טעאטער-זאל אין שטאדט זעהר קליין: בס"ה 321 פלעצער, וואס צווינגט צו שטעלען טייערע איינטריטס - פרייזען, בכדי אויסצומיידען א דעפיציט, וועלכען קיינער האט נישט צו דעקען. די טייערע פרייזען ווידער ערלויבען נישט דעם „עמך" צו בעזוכען אונזערע פארשטעלונגען.

יעצט צום עצם ענין, צו דער לעצטער אויפפיהרונג. עס איז אונז געלונגען צו אנגאזשירען דעם רעזשיסער ה' א. פיעקארסקי. לאנג האט געדויערט ביז מיר האבען זיך דעצידירט אויף „די ריכטער".

מיר האבען זיך אבגעשטעלט אויף דעם איינאקטער, ווייל ה' פיעקארסקי האט אונז פארגעשטעלט אויסצוגען פון דער קראקאווער יודישער פרעסע וועגען דער זאך, וואס איז אונטער זיין רעזשי אויפגעפיהרט געווארען דורך די ארטיסטען פון יודישען פאלקס-טעאטער אין קראקא אין יאהר 1928.

די זאך האט דאן בעקומען א הכשר פון אזאלכע טעאטער-ליטעראטור מבינים ווי די רעצענזענטען פון „נאווי דזיענניק" און „נאש פשעגלאנד", אגב איז ה' דר. קאנפער פון „נאווי דז." א הייסער ציוניסט, וועלכער האט נישט חושד געווען וויספיאנסקי'ן, דעם גרויסען קלאסיקער, אין טענדענצען.

דיזעלבע מיינונג וואס ד"ר קאנפער און זיינע חברים האט, ווייזט אויס אויך ה' ד"ר מיכאל ווייכערט — ליטעראַרישער לייטער און רעזשיסער פון „עליזעאום" אין ווארשא, וועלכער האט פארגעלייגט דעם ה' פיעקארסקי (אין א בריף דאטירט דעם 20.12 ה. י.) איבערצונעמען די רעזשי פון „די ריכטער און „דניאל" אינ'ם דראמאטישען טעאטער.

אמת, אין „די ריכטער" זענען פערהאן אייניגע עם הארצותי'שע שטריכען פון יודישען לעבען, אבער איך האלט, אז מ'קען עס דעם קלאסיקער — וויספיאנסקי מוחל זיין.

די ה"ה פרעסע-רעצענזענטען וואלט איך געבעטען, אויף להבא, צו נעמען אין אכט די שוועריגקייטען אויף וועלכע איך האב אויבען אנגעוויזען און דאן וועלען מיר גערן אננעמען יעדע אנווייזונג, יעדע בעמערקונג, וואס דרינגט ארויס פונ'ם רצון מיטצוהעלפען פון דער לייטונג פון קרייז, איהם אוועקצושטעלען אויף דער געהעריגער ליטעראַרישער און קינסטלערישער הויך.

איבערהויפט וועלען מיר גערן בעגריסען, די אלע, וועלכע האבען אנ'אינטערעס פאר דעם דראמ. קרייז, אין אונזערע רייהען. אדרבא, קומט, לערנט אונז, ווייזט אן אויף די פעהלערען קודם למעשה און, זייט זיכער, מיר וועלען זיי, אויב זיי וועלען נור זיין זאכליכע און רעאל, נעמען אין אכט.

דעם ח' מרדכי קויפמאן, וואס איז איינער פון די גרינדער פונ'ם קרייז, וויל איך דערמאנען, אז אויך היינט איז ער נאך אין דער לייטונג פונ'ם קרייז און ממילא מיט פעראנטווארטליך פאר אלע זיינע עבירות.

אבער נישקשה, ח' מרדכי, הלואי אויף ווייטער נישט ערגער!

יעקב ראזינער.

לאזט נישט צו קיין קראנקהייטען!

די לאזונג, וועלכע נעמט ארום די גאנצע וועלט, רופענדיג אלע קולטורעלע פעלקער צום קאמף מיט'ן שטענדיגען שונא פון די פעלקער, האט מאביליזירט אלע שאפענדע היילזמיטלען געגענצווווירקען דעם שלעכטען. דער איינציגער, לויט'ן היינטיגען שטאנד פון דער וויסענשאפט, פערלויפענדער אלערארט אינפעקציעס אין מויל און קעהל, וואו עס לאקירען זיך די זאראזקעס פון גריפע, אנגינע, דיפטעריט, שקארלאטין און מאזלען איז דאס אויסגעצייכענטע פערהיטונגס-מיטעל פאראמינט-ערבע.

פאראמינט-ערבע זענען טאבלעטקעס מיט א אונגעהויערען געשמאק, צולאזט עטליכע מאל טעגליך אין מויל צו 1—2 טאבלעטען לאזען נישט צו קיין אינפעקציעס.

פאראמינט-ערבע, איז דאס ווירקזאמסטע מויל-דעזינפעקציע-מיטעל. מען דארף עס דעריבער גלייך בענוצען דארט וואו עס איז פערהאן א מירא פאר אנשטעקונג און הויפטזעכליך בעת אנ'עפידעמיע, אינדערהיים, שפיטאל, שולע אאזוו.

געניסט פון דעם נייעם, בעקוועהמען טאשען-פאקונג צו 20 טאבלעטען, וואס איז בעקאנט אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדעס. פאראמינט איז א פרעפאראט איינגאנצען פראדוצירט אין לאנד. מיידט דעריבער אויס די טייערע אויסלענדישע, נוצענדיג פאראמינט, ווייל איהר שטיצט דערמיט די לאנד-פראדוקציע.

פויזנער יודישע יונגלעך, האבען נעביך דא ביי אונז, בעקומען געשלאגען. איך מיין דאס די פויזנער יונגלעך פון ספארט - פעראיין „בר כוכבא", וועלכע האבען געהאט א באקס - מעטש מיט'ן היגען יודישען טורן און ספארט-פעראיין.

דער אינטערעס צום דאזיגען מעטש איז געווען א גרויסער און דער זאל איז געווען איבערפולט. אלע האבען געווארט מיט דער גרעסטער שפאנונג ווי אזוי די פויזנער, וואס זענען בעקאנט אלס גוטע שלעגער פון כמה שנים, וועלען זיך א נעהם טהון צו אונזערע יונגלעך. דערווייל האט זיך ארויסגעוויזען פערקעהרט. אונזערע יאטען האבען זיי נעביך אזוי צוקלאפט, אז עס איז געווען א חרפה צוצוקוקען.

אמת, די פויזנער האבען טעארעטישע אויסשולונג פון הלכות שלאגען אבער א גוטען קלאפ קענען טאקי געבען אונזער חברה.

נאך איין זאך. אין יודישען טורן-און ספארט-פעראיין שטעהט די סטאטוע פון העניריק מארקוספעלד ע"ה, וועלכער קוקט זיך צו צו די אלע גימנאסטישע איבונגען, וואס קומען דארט פאר און אויב ס'איז אמת, אז דאס דאזיגע בילד האט אין זיך א כח הרגשה האט דער אלטער נדבן און פריינד פון דער פיזישער ערציהונג ביי יודען בעשטימט א הנאה פון דעם וואס קומט פאר אין אין דעם דאזיגען זאל. וואלט דעריבער געווען א יושר, אז דער בעל-הבית פון זאל, זאל אכטונג געבען אז די סטאטוע זאל פון צייט צו צייט אבגעווישט ווערען פון שטויב.

בנאמנות, ער האט עס זיך נאך פערדינט..

קוני לעמעל אלס רעוואלוציאנערער העלד.

איהר קענט דעם הויפט - העלד פון א. גאלדפאדען'ס פיעסע, קוני לעמעל? א יא, איהר קענט איהם! קען איך אייך מעלדען, אז דער קוני לעמעל איז מגלגל געווארען אלס רעוואלוציאנערער העלד.

אזוי איז עס, אמאל איז קוני לעמעל געווען א קאנדידאט אויף חתונה האבען פערמאגענדיג אביסעל פערשמאלצענעם יחוס, היינט איז קוני לעמעל א קאנדידאט צו ווערען א פיהרער פון א פראפעסיאנעלען פעראיין.

לעולם וואלט וועגען קוני לעמעל נישט געלוינט צו פטר'ן קיין איין שורה נאר אזוי ווי קוני לעמעל וויל ווערען גבאי, דארף מען איהם אנווייזען זיין ריכטיגען ארט.

דער היגער האנדעלס-אנגעשטעלטער פעראיין, וואס איז אמאל געווען א גלענצענדע אינסטיטוציע האט לעצטענס פערלוירען זיין חן. די וויכטיגסטע מיטגלידער זענען ארויס פון דארט און די לייטונג האט איבערגענומען קוני לעמעל.

צוערשט איז דער קוני לעמעל געווען א תרומפלדורטשיק, נאר באלד האט ער איבערגעריסען מיט דער „נאציאנאליסטיש-שאוויניסטישער אידעאלאגיע" און איז געווארען א „רענעגאט" א ר ר ר ע וו א ל ו צ י א נ ע ר. ארום זיך האט ער גרופירט אביסעל מיידלעך און ער פיהרט אן מיט דער ווייבערישער מלוכה. אויך איז אין זיין האנד אריינגעפאלען דער סטעמפעל פון פעראיין און טהוט מיט איהם מיסברויכען (ווער קען איהם דען שטערען?)..

און ווען מען האט קוני לעמלען אנגעוויזען, אז ער דארף זיך פערנעמען מיט אלץ אין דער וועלט, אפילו מיט פלירט (אויף וועלכען אונזער קוני לעמעל איז א גרויסער מזיק) נאר נישט מיט אזעלכע איידעלע ענינים, איז ער ארויס מיט א ויצעקו, אז ער רעדט אין נאמען פון האנדעלס-אנגעשטעלטען - פעראיין און אז מען האט אויף איהם אויסגעטראכט א ליגען.

זאגען מיר אייך: פאניע קוני לעמעל, אויב איהר וועט וועלען ארויסקריכען פון די ד' אמות, צו וועלכע איהר זענט בעשאפען געווארען, דאן וועלען מיר אייך אנווייזען אייער ריכטיגען ארט, ווארום אז קוני-לעמעל'ס זאלען ווערען אונזערע מנהיגים, צו דעם איז נאך נישט געקומען און אויך אייך, פאניע קוני-לעמעל, וועט עס זיך נישט איינגעבען...

איז דאס געווען א יום-טוב?

קינדער, וואס זאל איך אייך דערצעהלען, איך בין דאך שוין געווען אויף א סך ימים-טובים, נאר אזא יום-טוב'דיגען יום-טוב, וואס איך האב ביי-געוואוינט אויף דעם פריזיער-באנקעט, האב איך שוין לאנגע, לאנגע יאהרען נישט געזעהן.

אויף דעם יום-טוב האבען זיי איינגעלאדען די פני פון אונזער שטאדט, וועלכע זענען טאקי געקומען און זיך שטארק משמח געווען, געקלאפט נעגעל אין פאהן אריין, זיך געלאזט קאסטען א פאר גילדען און געהאלטען רעדעס.

די אמת'ע שמחה איז אבער געווען אויפ'ן באנקעט, וועלכער איז פערוואנדעלט געווארען אין א גרויסען יום-טוב.

אויף דעם דאזיגען באנקעט האבען זיך צוקושט, הערט און שטוינט! ד"ר גייסלער מיט שמואל ניעמיראווסקי דיר. זאנד מיט שמואל ניעמיראווסקי און ענדליך שמואל קאץ אויך מיט שמואל ניעמיראווסקי. און דער עולם האט געיובלט, געשריגען אין אפלאדירט, געוואונשען זיך אז ס'זאל זיין שלום ושלוה, עס איז כמעט מקוים געווארען מיין חבר סמאל'ס זיסער חלום...

דער בעל שמחה ה' יוסל גאלדבערג האט געשיינט פאר פרייד און האט געשוואוירען אבצוהיטען די פאהן און דער גאנצער עולם האט געשטראהלט פאר פרייד.

עס איז געווען באמת א נחת צוצוקוקען ווי אזוי די פערהארעוועטע בעלי מלאכות חאבען אויף א פאר שעה פערגעסען אין זייער טרויריג לעבען און געהאט עטליכע שעה אמת'ע פרייד און נחת.

צווישען די רעדעס, וואס זענען געהאלטען געווארען אויפ'ן באנקעט איז זעהר כאראקטעריסטיש די רעדע פון אונזער חשוב'ן מיטארבייטער ה' מענדיל אש, וואס מיר ברענגען דא ווערטליך:

„עס קענען זיך מאנכע פון אייך וואונדערען, ווי קום איך דא אהער צום יעצטיגען יו"ט, וואס פאר א שייכות האב איך מיט דעם פריזירער-צעך. דעריבער מוז איך אייך זאגען, אז איך בין דא גאר א נאהנטער, גאר א וואשנער מחותן. איך, מוזט איהר וויסען, לאז אייך שוין היבשע יאהרען לערנען אויף מיין פנים און טאקע דעריבער לייד איך יעצט גאר שטארק. אט האט מיר די טעג א היגע יודישע צייטונג פארגעווארפען דאס מורא'דיגע פערברעכען, אז איך בין א בעזברודקע ר"ל. נו, איז דאס מיין שולד, ניין, חס-וחלילה! — דאס בין איך א קרבן פון אייך, ה"ה פריזירער, פון אייערע הענד, פון אייערע מעססער מעשים!...

בכלל אבער האלט איך זעהר שטארק פון אייך, ווייל איהר זענט אויבערמענשען, איהר שטעהט איבער יעדען, יעדער ציהט פאר אייך זיין היט, בויגט זיין קאפ און איהר האלט אייך ווירדיג און שטאלץ — איהר קוקט אויף יעדען פון אויבען אראב...

איהר זענט אויך ערליך און געוויסענהאפט, אלע אייערע מעשים טהוט איהר אפען און גיט נאך אפילו יעדען א שפיגעל, כדי אייך צו קענען נאכקאנטראלירען. נאכמעהר—כאטש איהר האט די פולע מעגליכקייט, פערמידלעט איהר נישט קיינעם די אויגען...

אייער מאכט, אייער העלדישקייט איז אונגעהויער, ערפילענדיג אייערע אויפגאבען האט איהר דערביי נישט וועניג בלוט פערגאסען — לײדער אונזערס...

אויסערדעם האט איהר אויך געוואלדיגע פערדיענסטען פאר דער מענשהייט, איהר ברענגט אריין יוגענדקייט און פרישקייט אין אלעמען. נישט איין פרוי איז אהן פראפ. שטיינאכ'ס הילף און נאר א דאנק אייך — יונגער געווארען מיט א היבש ביסעל יאהרען; נישט ביי איין מיידיל האט איהר אבגעמעקט איהר טונקעלע פערגאנגענהייט, מאכענדיג זי פון א ברונעטקע — א בלאנדינקע...

צום היינטיגען יו"ט פערענדיג איך מיין טאאסט, מיט דער יו"ט-דיגער ברכה „אשר גאלנו וגאל את אבותנו" און ווינש אייך, אז כאטש אייער עקזיסטענץ הענגט אויף א האהר, זאל דאך אייער ארגאניזאציע זיך ברייט צעוואקסען און א דאנק איהר זאל קיין שום פריזירער קיינמאל נישט זיין גאלע..."

מיט איין ווארט, עס איז געווען א גאר וואזשנער יום-טוב.

20 חתונות אין 1 טאג.

אין א היגער יודישע צייטונג האב איך צופעליג געלייענט א ידיעה, אז זונטאג איז אין אונזער שטאדט פארגעקומען אזש גאנצע 20 יודישע חתונות. איך האב אפילו דערין נישט געגלויבט, ווייל ווי קען דאס געמאלט זיין, אז עס זאל זיך ביי אונז געפונען 20 יונגע לייט, וואס זאלען זיך אין איין טאג וועלען איינשפאנען אין חתונה יאך. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די מעשה איז טאקע אמת, נאר מיט א קליינע קארעקטע: 7 חתונות איז טאקע פארגעקומען אין דער פאראפיע פון שוו. זיגמונט, 5 חתונות אין שוו. בארבארע, 4 אין שוו. ראך און גאנצע 4 טאקע יודישע חתונות.

ווי איך זעה, זענט איהר טשענסטאכאווער יונגע-לייט דוקא נישט קיין פרייערס, איהר לאזט אייך מאסנוויז נישט פיהרען צו דער שחיטה...

לויתן

ראַטעוועט דעם „לינת הצדק"!

איבער 30 יאָהר אַרבייט דער „לינת הצדק" און ערטיילט אָרימע מעדיצינישע הילף (דאָקטוירים און רעצעפּטען) ווי אויך אונטערשטיצונגען אין מזומן.

לעצטענס זענען די הכנסות פון דער געזעלשאַפט בעדייטענד פערקלענערט געוואָרען, ער געפונט זיך דעריבער אין אַ זעהר שווערער לאַגע, וואָס בעדראָהט זיין ווייטערדיגע עקזיסטענץ, וועלכע שיצט נישט איינעם פון נויט און אָפט אויך פון טויט.

די פערוואַלטונג פון „לינת הצדק" האָט דעריבער בעשלאָסען זיך צו בענוצען מיט דער אָפּפערוויליגקייט פון טשענסטאָכאָווער עסקנים, וואָס אָרגאַניזירען אַ הויז-זאַמלונג און אַפּעלירט צו דער יודישער געזעלשאַפט זיך צו בעשטייערען איינמאַליג און איינצוצאָהלען דורך די פּערזאָנען, וואָס וועלען זיך מעלדען מיט אַ בעפולמעכטיגונג פון „לינת הצדק".

גלייכצייטיג ווענדעט זיך די פערוואַלטונג צו די מיטגלידער פון „לינת הצדק", זיי זאָלען רעגולער איינצאָהלען דעם מיטגלידס-בייטראַג.

מיר האָבען שוין פיעל מאָל געשריבען וועגען דער דאָזיגער זעהר וויכטיגער אינסטיטוציע, וואָס איז אַ לעבענס-נויטווענדיגקייט פאַר הונדערטער אָרימע קראַנקע אין אונזער שטאָדט. די יודישע בעפעלקערונג טהוט זיך אָבער לייכטשעצען און וועט גורם זיין דערצו, אַז דער „לינת הצדק" זאָל חס ושלום אונטערגעהן, צי קאָן מען דאָס טהון מיט אַ ריין געוויסען? יעדער דאַרף געבען אַ קלאָרען ענטפער: ניין! מיט די גרעסטע אַנשטרענגונג דאַרף מען ראַטעווען דעם „לינת הצדק", אַז ער זאָל ערפולען זיינע אויפגאַבען.

ראַטעוועט דעם „לינת הצדק".

די גראַנדיעזע פאָהן-פייערונג ביי דעם יודישען פריזירער-צעך

די פאָהן-פייערונג פון די יודישע פריזירער איז געווען אַ גראַנדיעזע און האָט געטראָגען אַ פייערליכען כאַראַקטער וואָס מען קאָן עס זעלטען טרעפען ביי יודישע ימים-טובים.

טראָץ דעם, וואָס דער פריזיער-צעך איז איינער פון די פיעל צעכען, וואָס זענען אַנגעשלאָסען אין די האַנדווערקער איז אָבער די פייערונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ זעהר אימפּאָזאַנטען פייערליכען יום-טוב פון גאַנצען היגען האַנדווערקערטום.

דער זאַל איז הערליך דעקאָרירט, אויך זענען אויף דער עסטראַדע אויסגעשטעלט די פעהנער פון האַנדווערקער-פערבאַנד און פון די צעכען.

דער פאָרזיצער ה' יוסף שענוואַלד עפענט די פערזאַמלונג און בעגריסט די געסט.

וועגען דער בעדייטונג פון יום-טוב רעדט ה' א. לייזעראָוויטש. אין אַ שעהנער פוילישער שפּראַך (פאַרוואָס נישט יודיש?) כאַראַקטעריזירט ער ווי עס לעבען די פריזירער אין זייער טאָג-טעגליכען לעבען, אָהן רוחניות און דאָס פערזאַמלען זיך אונטער'ן אייגענעם פאָהן ברענגט אַריין אין די עצמות אַ רוח-החיים.

דאָן קומט פאָר די צערעמאָניע פון איבערשניידען די באַנד פון פאָהן דורך ה' ס. מיטלער, וועלכער האַלט דערביי אַ רעדע. ער דערמאָנט די פערשטאָרבענע שעפער און טהוער פון דער האַנדווערקער-בעוועגונג: יאַן קירשראָט, הענריק מאַרקוסעפעלד, דאָן די מיטגלידער: וועקסלער און הערץ און ער שפּענדעט 50 זל. אויפ'ן פאָהן-פאָנד.

דער פאָהן ווערט פונאַנדערגעוויקעלט דורך די ה"ה: יוסף גאָלדבערג (סטאַרשע מיסטזש) און יוסף שעהנוואַלד.

עס הויבט זיך אָן דאָס אַריינקלאַפּען די נעגעל אין פאָהן און לויט דער רייהע בעקומט דעם ערשטען נאָגעל דער פּרעזעס פון האַנדווערקער-פערבאַנד ד"ר גייסלער, דאָן די ה"ה פּרעזעס גאָלדשטיין, יעקב ראָזענבערג, ש. ניעמיראָווסקי, פּרעזעס וועקסלער, ווילהעלם זשעריקער, ה. דאַווידאָוויטש, ד"ר סט. קאָהן, דר. בראָם אין נאָמען פון ה' מ. נייפעלד, ד"ר ליפּינסקי, ד"ר קאַגאַן, ד"ר אַש, פרוי אינזש. דאַווידאָוויטש, אינזש, פּשיסוסקער, נ. קאָהן, פר"ל. אַבנר, דירעקטאָר באָכענעק, א. י. ראָזענצווייג, דער קריסטליכער פריזיר-צעך ווי אויך אַ גאַנצע רייהע האַנדווערקער-טהוער און כמעט אַלע יודישע צעכען וואָס זענען ביים האַנדווערקער-פערבאַנד און אַלע האָבען געשאָנקען גרעסערע און קלענערע סומען אויפ'ן פאָהן-פאָנד.

נאָך דער צערעמאָניע, בעגריסען נאָך די ה"ה יעקב ראָזענבערג, ד"ר מערינג, ש. פראַנק (אין נאָמען פון דער טשענסטאָכאָווער צייטונג) און ש. ניעמיראָווסקי. דאָן שליסט די פייערונג ה' יוסל גאָלדבערג מיט אַ פייערליכע רעדע, וואו ער דאַנקט גלייכצייטיג אַלע געסט פאַר זייער אַנטיילנעמען אין דער פייערונג.

בכלל האָט די פייערונג געמאַכט אַ גוטען איינדרוק אויף די אַנוועזענדע.

האַלב צוועהן אָוועגד האָט זיך אָנגעהויבען דער באַנקעט, וואָס איז געווען הערליך צוגעגרייט און דער עולם האָט זיך גרויסאַרטיג געווייליט.

אַלס פאָרזיצער פון באַנקעט האָבען אַמטירט די ה"ה ש. ניעמיראָווסקי און ד"ר גייסלער.

עס זענען געהאַלטען געוואָרען רעדעס, געזאַנגען און אַ קאָנצערטאָבטיילונג און דער עולם האָט זיך משמח געווען מיט אכילה ושתייה און דער עיקר, וואָס דער עולם האָט אויפגענומען מיט פרייד איז דאָס, וואָס די נעכטיגע שונאים צווישען די האַנדווערקער, האָבען זיך אויפ'ן באַנקעט איבערגעבעטען און אַלע האָבען צוגעזאָגט צו אַרבייטען אין דער אָרגאַניזאַציע לטובת דעם יודישען האַנדווערקערטום.

עס איז אויך געווען אַנוועזענד אויפ'ן באַנקעט אונזער בן-עיר, דער מיניסטעריאַל-ראַט ה' אַלעקסאַנדער האַפּטקע, וועלכער איז צופעליג געווען אין טשענסטאָכאָוו און איז אויפגענומען געוואָרען פון די פערזאַמעלטע מיט האַרציגע בעגריסונגען.

דער עולם האָט זיך געווייליט ביז פאַרטאָגס מיט געזאַנג און טענץ.

זי האָט זיך נישט געקענט פון שמערצען ריהרען.

איצט איז זי פטור אינגאַנצען פון רעוומאַטיזם!

וואָס פאַר אַ שרעקליך געפיהל נישט קענען אַליין אויפשטעהן פון בעט! אַזוי שטייף זענען די הענד און די פיס! — נישט פעהיג צו דער אַרבייט — דאָס איז אַ קרבן פון רעוומאַטיזם. אָבער היינט איז זי ווייטער פריש און בעוועגליך ווי פריהער און פיהלט נישט קיין שום וועהטאָגען. פרוי וו. סאַיק, גרודיאָנדז, שוואָסקאַ 16 I שרייבט אונז: שוין אַ לענגערע צייט האָב איך געליטען אויף רעוומאַטיזם אין די הענד און די פיס. די וועהטאָגען האָבען מיר אַזוי דערקוטשעט, אַז איך האָב אָפט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפען. מיינע הענד און פיס זענען מיט דער צייט אַזוי שטייף געוואָרען, אַז איך האָב כמעט מיך נישט געקענט ריהרען. איך קען פּשוט נישט בעשרייבען ווי איך האָב דורך דער צייט געליטען. דורך 7 חדשים האָב איך פּרובירט פערשידענאַרטיגסטע מיטלען וועלענדיג זיך בעפרייען פון די שרעקליכע וועהטאָגען. אָבער עס איז מיר באמת ערשט דאָן בעסער געוואָרען, ווען איך האָב אָנגעהויבען נעמען טאָגאַל. שוין אין אַ וואָך ארום זענען די וועהטאָגען געוואָרען קלענער און איך האָב געקענט רוהיג שלאָפען. זעהנדיג אַזעלכע גוטע רעזולטאַטען האָב איך ווייטער גענומען טאָגאַל, שטרענג לויט פּאַרשריפטען. מיט דער צייט האָב איך וויראַזשנע געפיהלט ווי מיינע הענד און פיס ווערען וואָס ווייטער בעוועגליכער. איצט בין איך שוין אינגאַנצען פטור פון דער אונאַנגענעהמער קרענק, אַזוי, אַז היי-יאָהר האָב איך אַ דאַנק טאָגאַל געקאָנט פערציכטען אויף אַ רייזע אין אַ קור-אָרט. טאָגאַל איז באמת אַ ראַדיקאַל מיטעל! וועגען דעם קענען זאָגען עדות טויזענדער מענשען וואָס האָבען גענומען טאָגאַל ביי רעוומאַטיזם, פּאָדאַגרע, רייסען און ברעכען אין די ביינער, נערוועןאון קאָפּוועהטאָ, גריפּע, פערקיהלונגען און אַנדערע עהנליכע קראַנקהייטען. אונשעדליך פאַר'ן מאָגען, האַרץ און אַנדערע אָרגאַנען. טאָגאַל שטילט נישט נאָר די וועהטאָגען, אָבער דערשטיקט אויך אין קערן די אַלע חולאת'ן! דעריבער האָט מען אפילו ביי כראָנישע פאַלען דערגרייכט מיט טאָגאַל איבערראַשענדע רעזולטאַטען. און ווען נאָך טויזענדער דאָקטוירים פערשרייבען טאָגאַל קען דאָך יעדער מיט צוטרוי. דעם מיטעל קויפען. פּרובירט נאָך היינט, פאָדערט אָבער וויראַזשנע נור טאָגאַל! אין אַלע אַפּטייקען!

דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט (יוואָ)

אין טשענסטאָכאָוו ווייַלט יעצט דער פערוואַלטונגס-מיטגליד פון ווילנער יודישען ליטעראַטען-פעראיין און סעקרעטאַר פון פען-קלוב אין ווילנע, דער בעוואוסטער שריפטשטעלער פאַלק הייל-פערן, וועלכער איז אויך טעטיג געווען אין דער העברעאישער און אין דער רוסישער-יודישער ליטעראַטור.

פ. הייל-פערן איז צו אונז געקומען אין דער שליחות פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט (יוואָ). ער וועט דאָ בעזוכען אַ רייהע פּערזאָנען און אַנשטאַלטען מיט'ן ציעל צו געפונען אין אונזער שטאָדט פריינד און פריינדליכע הילף פאַר דער וויכטיגער אַנשטאַלט פון וועלכער ער איז דעלעגירט. מיר זענען זיכער, אַ- סיי דער נאָמען פון דער וויכטיגער אַנשטאַלט, סיי דער נאָמען פון איהר חשוב'ן דעלעגאַט וועלען געהעריג אָבגעשאַצט ווערען דורך די אַלע, צו וועלכע דער דעלעגאַט אַ-דער די פריינד, וועלכע אַרבייטען מיט איהם, וועלען זיך ווענדען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שליחות געפונען מיר פאַר נויטיג בעקאַנט צו מאַכען די טשענסטאָכאָווער יודישע געזעלשאַפט מיט די הויפּט יסודות פון יוואָ.

יוואָ איז אַ ריין וויסענשאַפטליכער אַנשטאַלט; זי שטעלט זיך פאַר אַ ציעל די אַלזייטיגע אויספאָרשונג פון יודישען לעבען דורך וויסענשאַפטליכע מעטאָדען; זי אָרגאַניזירט צו דעם צוועק די יודישע וויסענשאַפט אויף דער גאַנצער וועלט און בויט אַזוי אַרום דעם באַזיס פאַר דער יודישער קולטור אין דער צוקונפט.

פערשטעהט זיך, אַז אַלס ריין-וויסענשאַפטליכער אַנשטאַלט שטעהט „יוואָ" איבער אַלע פּאַרטייען און אויסער אַלע פּאַרטיי-רייסענישען.

פאַר דער צייט, וואָס דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט עקזיסטירט, האָט ער בעוויזען צו קאָנצענטרירען אַרום זיך די גרעסטע יודישע געלערנטע, צווישען וועלכע עס געפינען זיך צעהנדליגער פּראָפעסאָרען פון די אוניווערזיטעטען אין פערשידענע לענדער און געפונען די אַנערקענונג פון דער גאַנצער וויסענשאַפטליכער וועלט.

ביז אַ 50 מאַגיסטראַטען און אויך אַזויפיעל יודישע קהלות האָבען ביז דער לעצטער צייט סובסידירט דעם ייוואָ. אונזער שטאָדט האָט זיך אָבער דערוויל ווייניג בעטייליגט אין דעם אויפבוי פון דער דאָזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע. מיר זענען זיכער, אַז פון היינט אָן וועט אונזער טשענסטאָכאָווער יודישער קיבוץ, וועלכער געהערט צו די גרעסטע אין פוילען, שוין נישט שטיין מעהר פון ווייטען, נאָר וועט אויך צולעגען אַ האַנד צו דער וויכטיגער אַרבייט פון אויפבויען דעם צענטער פון אונזער יודישען קולטור-לעבען.

צייטווייליגע פערוואַלטונג פון דער געז. פריינד פון יוד. וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין טשענסטאָכאָוו.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יודישען שניידער-צעך.

מיטוואָך, דעם 6 ד. ח. פונקטליך 7 אַ זייגער אָוועגד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12, די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יודישען שניידער-צעך מיט'ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג.

די יודישע שניידער, וועלכע זענען גוט אָרגאַניזירט אין זייער צעך וועלען בעשטימט קומען אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג.

דער וועלט-בעריהמטער אָבערקאַנטאָר ה. באָרנשטיין אין טשענסט.

מאָנטאָג דעם 4 יאַנואַר, וועלען די טשענסטאָכאָווער מוזיק-און געזאַנג-ליעבהאָבער האָבען די מעגליכקייט צו בעוואונדערען דעם וועלט-בעריהמטען אָבערקאַנטאָר פון וואַרשע ה. באָרנשטיין.

ה. באָרנשטיין איז דורך די גרעסטע מוזיק-קריטיקער בעצייכענט געוואָרען אַלס וועלט-בעריהמטער פענאָמענאַלער טענאָר פון גאָטס גענאַד. זיינע חזנישע קאָמפּאָזיציעס, אויך די אויספיהרונגען פון פערשידענע אַריעס פון די בעסטע אָפּערן און קלאַסישע געזאַנגען שטעהען אויף דעם העכסטען אַרטיסטישען ניוואָ.

טשענסטאָכאָוו האָט שוין געהאַט פערשידענע גרויסע זינגער אָבער נאָכנישט באָרענשטיין'ען. דער קאָנצערט קומט פאָר אין קאַמעראַל-טעאַטער, וואו עס איז פערהאַן אַ זעלטענע אַקוסטיק. און אַזוי ווי אין דעם זאַל איז דאָ זעהר אַ קליינע צאָהל פּלעצער, איז געוואונשען זיך פריהער צו פערזעהען מיט בילעטען. וועלכע זענען צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן.

ביים קלאַוויר, דער בעריהמטער הענריק קומאַק.

„שוואַרצע קאַווע" אין „וואַרטאַ".

זונטאָג, דעם 3 ד. ח. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל פון ספּאָרט-קלוב „וואַרטאַ" אַלעע קאָשטשושקי 16 אַ „שוואַרצע קאַווע" (פייף-אָ-קלאָק). רייכער בופעט, דזשאַז, סיורפּריזען און די ביליגע בילעטען פערזיכערען דער שוואַרצער קאַווע אַ גרויסען ערפאָלג.

קליינער פעליעטאָן.

„ז'נאָווים ראָקעם"...

איך האָב בעקומען אַנ'איינלאַדונג אויף אַ סילוועסטער-באַל און היות ווי עס איז ענטדעקט געוואָרען דער טעלעוויזיע-אַפּאַראַט, וואָס מען קען מיט איהם זעהען און הערען אַלץ, וואָס קומט פאָר אין מרחקים, האָב איך צוזאַמען מיט דער איינלאַדונג אויך בעקומען צוגעשיקט אַ טעלעוויז-אַפּאַראַטל, כדי איך זאָל נישט דאַרפען זיך בעמיהען צו געהן אויפ'ן סילוועסטער-באַל און זיך אַנשטרענגען מיט'ן טאַנצען, נאָר אין דערהיים זיך בעקוועהם אָוועקזעצען און דורכ'ן טעלעוויז יוצא צו זיין הלכות סילוועסטער.

מיט'ן אַפּאַראַטל אין דער האַנד האָב איך 10 מינוט פאַר 12 זיך אַוועקגעזעצט, כדי מקיים צו זיין דעם „יודישען" מנהג סילוועסטער און איך האָב געזעהען:

פון אַלע עקען פוילען האָבען די באַהן-צעפּעלינען געפיהרט די געסט אויף די סילוועסטער-אַוונדען. די מענער און פרויען האָט מען נישט דערקענט, ווייל די פרויען זענען אַזוי מענעריש געוואָרען, אַז אויך ביי זיי זענען געוואַקסען בערד.

אויף דעם באַל זענען געווען פערזאַמעלט טויזענדער מענשען פון אַלע נאַציאָנען און אַלע האָבען גערעדט אויף דער איינציגער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך: עספּעראַנטאָ.

אויך זענען אויף דעם באַל געווען פערזאַמעלט די טעלעפאָניסטקעס, וואָס האָבען פערלוירען זייערע פּאָסטענ'ס צוליעב דער אויטאָמאַטיזירונג פון די טעלעפאָנען און אַ דאַנק די אַלטע געוואוינהייטען האָבען זיי שטאַרק געפלירטעוועט אויפ'ן אָוונד.

איך קוק ווייטער און זעה ווי אונזערע יודישע פריזירער זענען פערהאַנען מיט זייער צעך-פאָהן און זיי רעדען זעהר געשמאַק—אויף יודיש...

דאָן זענען אויך פערזאַמעלט אַלע שטאָדטישע מלמדים און מען טיטולירט זיי מיט'ן נאָמען פּראָפעסאָר. און זאָגאָר די אַלע, וועלכע האָבען שוין פערלאָזט דאָס מלמדות, ווערען אָנגערופען ביז'ן היינטיגען טאָג פּראָפעסאָר...

איך קוק ווייטער און זעה:

אין דעם גרויסען זאַל שטעהט אַנ'אונגעהויער לאַנגער טיש, סערווירט מיט פערשידענע כלים, נאָר צו עסען איז נישמ פערהאַנגען, ווארים די מענשען האָבען זיך אָבגעוואוינט פון עסען און זיי פיהלען נישט קיין הונגער...

די געסט טאַנצען עפּיס שלעפּעריג, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען שאָטענס די פּנים'ער בלאַס, די אויגען אויסגעלאָשען, נאָר לויט זייערע מאַניערען דערקענט מען, אַז זיי געהערען צום מענשען-מין...

דערוויל ווערט 12 אַ זייגער און עס ווערט געבוירען דאָס נייע קינד, אָהן געשריי, אָהן אַ העבאַם. איך בעטראַכט דאָס קינד, עס איז אַ קריפּעל, אַה — טראַכט איך זיך, דאָס וועט שוין אין דער מלחמה נישט געהן...

איך ווענד אָב מיינע אויגען פון דעם דאָזיגען בילד און שטעל אָב דעם טעלעוויזיע-אַפּאַראַט אויף דער יודישער קהלה. איך וויל זעהען וואָס עס הערט זיך דאָרט, ווי אַזוי אונזער פערמעגען זעהט אויס. קודם-כל זעה איך, אַז די אַלע איינריכטונגען זענען פערשוואונדען. די שרייב-מאַשינען פעהלען, אויך דאָס שילדעל „קאַסע" איז מעהר נישט נויטיג, ווייל דאָס דאָזיגע מין איז נישט מעהר בנמצא.

איך קוק ווייטער און זוך די קהלה-אינסטיטוציעס און קאָן זיי בשום אופן נישט געפונען. מיין איך דאָך, אַז דער אַפּאַראַט איז קאַליע געוואָרען, אָבער נאָך אַ חקירה ודרישה זעה איך, אַז דער אַפּאַראַט איז טאַקע גוט, נאָר די אַלע אינסטיטוציעס זענען פערשוואונדען, עס איז אויסגעטריקענט געוואָרען די מקוה, עס איז נישטאָ די גערטנער-פערמע, נישט די האַנדווערקער-שולע.

איך קוק ווייטער און זעה:

דאָס יודישע שפּיטאָל מיט'ן לינת הצדק, ווי אויך דער „טאָז" מיט דער „עזרה" האָבען זיך פעראייניגט אין איין אינסטיטוציע נאָר קיין פּרעזעס קען מען נישט געפונען, ווייל עס געפונט זיך נישט קיינער ווער עס זאָל וועלען איבערנעמען דעם אַמט. לאין ברירה זיי זענען געוואָרען אַ אָבטיילונג ביי דער חברה קדישא...

דאָן האָבען זיך פעראייניגט: דער בית לחם מיט'ן תומכי עניים.

דער הילפס-קאָמיטעט איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, ווייל קיינער נויטיגט זיך שוין נישט דערין...

די „וואַרטאַ" איז געוואָרען אויס דאַנסינג-געזעלשאַפט. דער יודישער טורן-און ספּאָרט-פעראיין, האָט אַרויסגעגעבען בלויז באָקטער, וועלכע שלאָגען זיך מיט דער לופט.

אויך זעה איך דעם מבול פון יודישע צייטונגען. ווי אַ הויז איז איינגעאָרדענט אַ דרוקעריי מיט אַ צייטונג, נאָר זיי זענען אַזוי פיעל און אַזוי הערליך רעדאַגירט, אַז קיינער נעמט אַז די בריק אין דער ערשטער אַלעע איז שוין פערטיג און אַז די יודישע זיי נישט אין האַנד אַריין.

גאַסען זענען שוין אַספאַלטירט.

איך קוק ווייטער און זעה – — נאָר האַלט! איך קאָן אייך מעהר נישט דערצעהלען, צוליעב פאָלגענדע טעמים: ראשית טאָר מען נישט אַלץ דערצעהלען וואָס מען זעהט אָדער מען הערט, ווייל די מענשען זענען זעהר עמפּינדליך אויף אַ שטיקעל אמת, וואָס מען זאָגט זיי אין די אויגען אַריין און הויבען אָן צו בריקעווען... והשנית, ענדיגט זיך שוין באַלד דער פעליעטאָן און מוז איבערהאַקען אין מיטען. דאָך וויל איך אייך אָבער דערצעהלען דעם סוף פון מיינע זעהונגען.

— — — — —

ווען איך בין אַוועק פון מיין סילוועסטער בעטראַכטונג אויפ'ן טעלעוויזע-אַפּאַראַט און אַ כאַפּ געגעבען אַ קוק אויפ'ן קאַלענדאַר, האָב איך דייטליך געזעהען דעם דאַטום, ערשטער יאַנואַר 1982 יאָהר.

סמאָל.

מעלדונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם פראַיעקטירטען אוסטאַוו וועגען דיפלאָמירטע עקזאַמענס פאַר בוכאַלטערען, האָט די סעקציע בוכאַלטערען ביים אַלגעמיינעם פראַפ. פעראיין פון האנדעלס- און ביוראָ - אַנגעשטעלטע אין פוילען, אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו, אלעע 20 אָנגעהויבען אַ רעגיסטראַציע פון אַלע בוכאַלטערען אין טשענסטאָכאָוו און פראָווינץ.

דער סעקרעטאריאַט איז טעטיג טעגליך פון 8—10 אָוועגד אָנהויבענדיג פון מאנטאג, דעם 4 יאנואָר ד. י.

אויסגעמיטען אַ עפענטליכען חילול-השם.

אויף פערגאַנגענעם מיטוואָך איז געווען בעשטימט אין צווייטען טערמין צו בעטראַכטען די געריכטס - אַנקלאַגע פון ד"ר פ. אקסער געגען ה' ליבראַוויטש, וועגען וואס מיר האָבען זיינער צייט מיטגעטיילט, אַז בעת אַ ויכוח פאַר די פאַרגעקומענע קהלה - וואַהלען זאָל ה' ליבראָוויטש האבען זיך אויסגעדריקט געגען ה' אָקסער מיט אַזעלכע אויסדריקען, אויף וועלכע דער לעצטער האָט איהם אַנגעקלאָגט אין געריכט.

די דאָזיגע געריכטס - פערהאַנדלונג האָט אַרויסגערופען אַ זעהר גרויסע פעראינטערעסירונג צווישען די היגע יודישע קרייזען, ווייל ה' ליבראָוויטש האָט אַרויסגערופען אַלס עדות אַ רייהע היגע יודישע פערזענליכקייטען, איבערהויפט פון נאַציאָנאַלען לאַגער, און דער צווייטער צד וואָלט געוויס אויך נישט געבליבען הינטערשטעליג און עס איז קיין ספק נישט, אַז אויב די דאָזיגע געריכטס - פערהאַנדלונג וואָלט פאָרגעקומען אין איהר גאַנצער ברייט, וואָלט דאס אונז געוויס קיין כבוד נישט פערשאפט.

עס איז דעריבער זעהר צופרידענשטעלענד דאָס וואס עטליכע זייטיגע פערזאָנען האָבען זיך מיט דער זאַך פעראינטערעסירט און זיך בעמיהט צו מאַכען שלום צווישען ביידע צדדים וואָס עס איז צושטאַנד געקומען און אַזוי אָרום איז אויסגעמיטען געוואָרען אַ עפענטליכער חילול-השם אין געריכט.

פון קאָמיטעט פאר'ן יובילעאום פון „חובבי-ציון" און „בילו".

אויף דער לעצטער זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען פון די מיטגלידער פון אָרטיגען קאָמיטעט, וואָס איז ענטשטאַנען צו פייערען דעם 50-יעהריגען יובל פון חובבי ציון און ביל"ו איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס איינצולאַדען צו דעם צוועק אַ פייערליכע אַקאַדעמיע מיט'ן אַנטייל פון קק"ל דעלעגאַט פון א"י ח' אלתר דריאַנאָוו.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַ טעכנישע קאָמיסיע פון די ה"ה: ד"ר מערינג, ד"ר שאַפער, לאופר, ד. יאנאָווסקי, י. סאַק, א. שענפעלד, מ. פינקעלשטיין, י. געריכטער, א. גערשאָנאָוויטש, י. טשענסטאָכאָווסקי, ד"ר האראָוויטש, און די סטודענטען: ש. קראַק, ד. קאַרטוש און האראָוויטש.

פון הילפס-קאָמיטעט.

פערגאנגענעם מאָנטאג איז אין קהלה לאָקאַל פאָרגעקומען אַ פּלענארע זיצונג פון הילפס-קאָמיטעט אונטער'ן פאָרזיץ פון פרעזעס ה' גאָלדשטיין.

ה' שפירא רעפערירט וועגען דער ביז-יעצטיגער אַרבייט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס בעציהט זיך די יודישע בעפעלקערונג אַפּאַטיש צו דער אַקציע.

עס ווערט אָנגענומען אַ פאַרשלאַג פון ה' גאָלדשטיין וועגען אָבצייכנונגען אויפ'ן לאָץ.

אַ קאָנצערט.

ווי מען אינפאָרמירט אונז גיט אין אונזער שטאָדט דער בעוואוסטער פאַרטעפּיאַן-מייסטער אַלפרעד העהן אין פייערלעשער-זאַל דינסטאָג, דעם 5 יאַנואַר האַלב 9 אָוועגד אַ קאָנצערט פון וועלכען די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט פאַר אַרבייטסלאָזע.

די ספעציאַליטעט פון דאָזיגען וועלט בעריהמטען פאַרטעפּיאַן-מייסטער איז די קלאַסישע און ראָמאַנטישע מוזיק (בעטהאָווען-שומאַן).

פרטים אין די אַפּישען.

ספאָרט.

יודישער טורן- און ספאָרט-פעראיין בעזיעגט בר-כוכבא, פויזען 1:5

דער מעטש האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם שענסטען און אינטערעסאַנטען קאַמף צווישען ראָזענבערג'ן (ב.כ.) און ווייסבערג'ן (י.ט.ס.פ.

ראָזענבערג געהער צו די בעסטע באָקסער פון פויזען, טעכניש איז ער אויך געווען בעסער, ווייסבערג בעזיצט אָבער אַ שטאַרקערען קלאַפּ און איז מעהר אויסהאַלטעוודיג. ביידע באָקסער זענען זעער פלינק און פיהרען דעם קאַמף אין אַ זעהר שנעלען טעמפּאַ, צוליעב וואָס די סיטואַציעס ענדערען זיך זעהר אָפט. דער קאַמף האָט זיך פערענדיגט אונערשיעדען, וואָס איז זעהר גינסטיג פאַר ווייסבערג'ן, נעהמענדיג אין אכט, אַז ראָזענבערג האָט לעצטענ'ס רעמיזירט מיט דעם מייסטער און רעפּרעזענטאַנט פון פויזען, מישאַרני (ה.צ.פ.)

דער פערביסענסטער קאַמף פון אָוועגד איז געווען צווישען מאַכאַטשעווסקי'ן (ב.כ.) און זילבערבוי'ג'ן (י.ט.ס.פ.) דער פויזנער איז העכער און האָט לענגערע הענד, וואָס ער נוצט אויך אָפט אויס, ער קעמפט אָבער זעהר אונריין און „פאָול" (נישט דערלאָזבאַר), וואָס ברענגט איהם פיעל שאָדען. זילבערבערג, ערמוטיגט פון דעם צוויי הונדערט-קעפּיגען פּובליקום, געהט לעבהאַפט אויף זיין געגנער, טרעפענדיג איהם מיט זעהר ווערטפולע קלעפּ, צוליעב וועלכע דער פויזנער איז אָפט מאָל „גראָגי" (קאַמף-אונפעהיג). זילבערבערג זיעגט איינשטימיג אויף פונקטען.

דער קאַמף צווישען יאַקובאָווסקי'ן (ב.כ.) און יורקעוויטש'ן (י.ט.ס.פ.) האָט זיך פערענדיגט נאָך אַ געגנוג אינטערעסאַנטען פערלויף מיט דעם זיעג פון יורקעוויטש'ן.

די פינף פאָרמעטשען זענען אויסגעפאַלען זעהר גוט.

רינג-ריכטער, ה' שמאַראַגד— גוט.

די גרעסטע באָקס-סענסאַציע.

די זעהר לעבהאַפטע באָקסער-סעקציע פון י. ט. ס. פ., אונטער דער אָנפיהרונג פון בעקאַנטען ספּאָרטסמאַן ה' פ. שמאַראַגד, האָט אַנגאַזשירט אויף מאָרגען שבת 8 אָוועגד דעם גוט-בעקאַנטען שלעזישען ספּאָרט-קלוב „נאַפּשוד" פון ליפּין, מיט דעם בעסטען פוילישען באָקסער און פיעלמאַליגען מייסטער פון פוילען, רודזקי, וועלכער איז, ווי עס האָט ערקלערט אין אַ אינטערוויאו דער פרעזעס פון פוילישען אָלימפּישען קאָמיטעט גלאַביש, דער איינציגער פוילישער באָקסער-קאַנדידאַט אויף דער אָלימפּיאַדע אין לאָס-אַנדזשעלעס (אַמעריקא). צוליעב דעם האָבען די קאַמפען אַרויסגערופען אַ אונגעהויערע פעראינטערעסירונג און סענסאַציע ביי אונז אין שטאָדט. חוץ איהם וועלען מיר זעהען די ערשטקלאַסיגע באָקסער: בראַש 1, בראַש 2, דזיובינסקי, מאַיאַר און פאַסטערנאַק.

וועגען רודזקי'ן איז נאָך כדאי צו בעמערקען, אַז נאָך די לעצטע צווישען-מלוכה'שע באָקס-קאַמפען דייטשלאַנד — פוילען (10:6 לטובת פוילען) איז די גאַנצע ספּאָרט-פּרעסע געווען בעצויבערט פון רודזקי'ס נצחון און שעהנעם קאַמף געגען מאַרטען, וואָס מיר קענען צוליעב דעם בעגרעניצטען פּלאַץ נישט איבערגעבען.

דער י. ט. ס. פ. שטעלט זיי אַקעגען זיין בעסטע מאַנשאַפט ווי: ווייטבערג, שילניצקי 2, זילבערבערג, שיין, יורקעוויטש און כליוונער.

פון דער „וואַרטאַס" באָקס-סעקציע

די לייטונג פון דער באָקסער-סעקציע ביי דער „וואַרטאַ" מעלדעט, אַז דער נעכסטער באָקסער-טרענינג קומט פאַר זונטאג דעם 3 ד. ח. 12 מיטאָג.

אַלע מיטגלידער דאַרפען זיין אַנוועזענד.

צי האָט איהר שוין בעזוכט דעם יודישען אָפּטישען אַנשטאַלט „אָפּטיק מעדיקאַל"

וואו איהר ווערט בעהאנדעלט אַמרציעלסטען. פונקטליכע אויספיהרונג לויט די רעצעפּטען פון די ה"ה אָקוליסטען. זעמטליכע רעפּעראַטורען ווי אויך אַ גרויסען אויסוואהל פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען, און אַלע צוגעהעריגקייטען.

ביליג! רעיעל! סאָליד! ברילען פון 2 זל. אָן.

מיט אכטונג

Z. Erner Aleja 31

לאַנגיעהריגער אָפּטיקער אין די גרעסטעפּאַריזער אנשט.

INDIA BEST TEA LONDON

טעע איז אַנערקענט געוואָרען אַלס די בעסטע און פערמאָגט דעם בעסטען אַראָמאַט.

לאָזט אייך נישט גענאַרען מיט פעלשונגען נאָר קוקט אויף די פירמע „INDIA"

קאַווע און קאַקאַאָ פון דער זעלבער פירמע.

טעע, קאַווע, קאַקאַאָ ווערט געגעבען אויף וועכענטליכע ראַטעס אויסצוצאהלען

פּראָבירט נאָר 1 מאָל בלייבט איהר אונזער שטענדיגער קונה!

איך זוך אַ שותף

מיט אַ גוט געזיכערט געשעפט

און וויל

אריינלייגען אַ געהעריגען קאַפּיטאַל

זיך ווענדען אין רעדאַקציע, פאַר ס.

Oświadczenie.

Niniejszem oświadczam, że mojem odezwaniem się do p. Poźniaka w m. maju 1931 roku w domu modlitwy nie miałem zamiaru znieważenia osoby p. Dr. Axera, jeżeli jednak p. Dr. Axer czuje się tem dotknięty, to go przepraszam.

H. A. Librowicz.

אכטונג געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס פון טשענסטאָכאָווער אומגעגענד און זאַגלעמביע.

בענדין, סאָסנאָוויץ, קעניגס - הוטע, פּיעטרקאָוו, ראַדאָמסק א. א. איך בין בעפולמעכטיגט צו פערקויפען פאַר געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס פאָרשטעלונגען מיט דער אין טשענסטאָכאָוו און אין וואַרשע מיט'ן גרעסטען דערפאָלג געשפּיעלטער פּיעסע „דרייפוס-פּראָצעס" אויסגעפיהרט דורכ'ן פוילישען אַנסאַמבל פון שטאָדטישען טעאַטער.

זיך צו ווענדען אויף פאָלגענדען אדרעס:

M. EPSTEIN, CZĘSTOCHOWA
ALEJA 16.



Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.

Przedstawiciel na okręg Częstochowski:

I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.

צו די ג' קונדשאַפט!

איך בין מודיע די ג' קונדשאַפט, אַז מיין ערשטקלאַסיגע ווערקשטאַט פון

ראַמען - בעקליידונג

וואָס האָט זיך געפונען אויף וואַרשאַווער 30 איז איבערגעטראָגען געוואָרען

אויף בערעק-יאָסעלעוויטש גאַס 2

(פריהער אָגראָדאָווע 15)

און עמפּפעהל זיך ווייטער די געעהרטע קונדשאַפט

מיט אכטונג:

א. פיליכאָווסקי

בערעק-יאָסעלעוויטש גאַס 2,

צווייטער שטאָק, פראָנט.

ZAPOMNISZ O KRYZYSIE

po zainstalowaniu radjoodbiornika zakupionego najtaniej i na najdogodniejszych warunkach w firmie:

Biuro Techniczne i Elektryczne

„UNION" Sp. z ogr. odp. Aleja 14

telefon 7-70

żyrandole, żelazka i piecyki elektryczne, opony samochodowe „Firestone", łożyska kulkowe S. R. O. oraz wszelkie artykuły elektrotechniczne i techniczne. :—: :—:

„Grand-Kino"

קאַשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

אכטונג! אונגעוועהנליכער דאָפּעלטער יום-טוב פּראָגראַם פון פריהמאָרגען-פּאַרשט.

פרייטאג דעם 1 יאנואר האלב 1 נאכא.

שבת דעם 2 יאנואר האלב 1 נאכמ.

זונטאג דעם 3 יאנואר האלב 1 די דראמא

WYGNANCY

און די עקזאָטישע דראמא

MING-TOY

אנהויב פונקטליך צוליעב דעם גרויסען פּראָגראַם.

אַלע קרזעסלאָ 50 גר. לאָזשא 1 זל

היינט און ווייטער אַ הערליכער ניי-יאָהר פּראָגראַם!

MADAME SZATAN

גיגאַנטיש ווערק פון רעזשי-מייסטער סעסיל דע-מיל.

אין די הויפט-ראָלען: גאַי זשאָנסאָן און לי ראַט.

איבער'ן פּראָגראַם:

באָקסער פון סאַן-דיעגאָ און געזאַנג-איבערזיכט

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָוועגד.

אויפ'ן 1 סעאַנס קרזעסלאָ 1 זל.

היינט מעכטיגסטער קלאַנג - פילם!

MIŁOŚĆ ŻORRZETY

דראַמאַ, וואָס ענטפּלעקט דאָס לעבען פון אַ שעהן מיידעל אריינגעאַרט אין די הענד פון אַ שווינדלער.

איבערן פּראָגראַם: 2 און לעצטע סעריע פון דער רעווי דאָ רעדט יאַראָסי

צוו. אַנד. עטליכע נומערן פון אָרדאָנובנאַ.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג-קינאָ

Nowości

אלעע 12

לעצטער סעאַנס 9.30 אָוועגד.

היינט און ווייטערע טעג.

DZIEWCZĘ Z NAD WOŁGI

מיט עוועלינאַ עאָלט און אינאַ סים.

דעם פילם מוזען אַלע זעהן.

קלאַנג - צוגאָבען איבער'ן פּראָגראַם. איינצעלהייטען אין די אַפּישען.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6